UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn NO. 7 - April 1956 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6d93w6pn

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 7(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1956

Copyright Information
Copyright 1956 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר

## ליטעראטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

זיבעטער 7 נומער

רעדאַקטאָר: י. פרידלאנד



ארויסגעגעבן פון דעם

לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

ניסן, תשט"ז — אַפּריל, 1956

לאָס אנגעלעס, קאַליפאָרניע

## בויער פון „חשבון"

ח' און ח'ה פינטשע בערמאן
ח' און ח'ה א. באביטץ
ח' און ח'ה ז. בונין
ח' און ח'ה י. בערקאוויטש
ח' און ח'ה נח גאָלדבערג
ח' און ח'ה יוסף גאלדבערג
ח' און ח'ה י. גרינשפאן
ח' און ח'ה מאטעס דייטש
ח' און ח'ה מאיר דראָזד
ח' און ח'ה מאקס האָלצמאן
היילאנד פאַרק „וואָר סוירפּלוס"
ח' און ח'ה באָרים ווינער
ח' און ח'ה יעקב זינגער
ח' און ח'ה שלמה טוזמאן

מיסטער הערי טאמסאן
חבר ס. לעווין
חבר וויליאם נאטאנזאָן
ח' און ח'ה יצחק ניומאן
ח' און ח'ה שמואל סאליט
ח' און ח' פריים
אסטאָר פּרעסקריפּשאן
ח' און ח'ה יצחק פרידלאנד
ח' און ח'ה שלמה צוקערמאן
ח' און ח'ה ס. קארפמאן
ח' און ח'ה פּ. ראפאפארט
ח' און ח'ה קודלי־ריסקין
ח' און ח'ה ווילי שאָר

---


**"CHESHBON"**

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

רעד.־ראט: וויליאם נאטאנסאָן, מלכה טוזמאן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4377 SUNSET DRIVE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר

## ליטעראטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

זיבעטער 7 נומער

רעדאַקטאָר: י. פרידלאנד



ארויסגעגעבן פון דעם

## לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

ניסן, תשט"ז — אַפּריל, 1956

לאָס אנגעלעס, קאַליפאָרניע

# א י נ ה אַ ל ט :


י. פ. : „מיטן פנים צו לאָס אנגעלעס" (הקדמה) . . . . . . . . . . . . . . 3

ה. רויזענבלאט : „הגר" און „שניי־חלומות" (לידער) . . . . . . . . . . . . . 6

ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט : „מלכה חפץ־טוזמאנס דיכטונג" (קריטיק) . . . . . . . . . 8

מלכה חפץ־טוזמאן : „גרויס ווארט" און פיר טריאָלעטן (לידער) . . . . . . . . 13

אלטער עסעלין : „די מאדאָנע ביים וואַסער פראָנט" (דערציילונג) . . . . . . . . 14

וו. נאטאנסאָן : „בלויע לידער" פון ה. רויזענבלאט (קריטיק) . . . . . . . . . . 18

מאטעס דייטש : „די פרייד פון שאַפן אַמאָל און היינט" (עסיי) . . . . . . . . . 24

ז. בונין : „ווען איר וועט קינדער מיינע" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . . 27

פינטשע בערמאן : „אין שפיטאָל" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . . . . . 28

נח גאָלדבערג : „שטורעם" (דערציילונג) . . . . . . . . . . . . . . . . . . 29

אסתר שומיאטשער־הירשביין : „מאקס באנד" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 37

ברכה קודלי : „ערד" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 39

י. פרידלאנד : „אין געיעג נאָך גאָלד" (היסטאָריאָגראפיש) . . . . . . . . . . 40

יעקב זינגער : „פון אַ צעשעדיקטן מוח" (פראַגמענט פון אַ דראַמע) . . . . . . . 47

יצחק ניומאן : „משה" (עסיי לכבוד פסח) . . . . . . . . . . . . . . . . . 51

אברהם באביטש : „פעדער־שפריצן" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 54

ליטעראַרישע נאָטיצן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 55

נייסטע יידישע ביכער פון ל.א. שרייבער אין 1955 . . . . . . . . . . . . 57


---

## „בוך און לעבן"

דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן" קומט זיך צוזאַמען צוויי מאָל אַ חודש. די שרייבער לייענען פון זייערע נייסטע שאַפונגען. אַ צאָל ליטעראַרישע סימפּאָזיום'ס פאר א גרעסערן עולם אין משך פון זמן.

יעקב זינגער, סעקרעטאַר.

---

## לאָס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

יעדן שבת־צונאַכט: יידיש־ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע קאָנצערטן; געדענק אָוונטן פון יידישע שרייבער און קינסטלער. אַ ביבליאָטעק מיט די נייסטע יידישע ביכער און זשורנאַלן.

מ. ל. קאַפּעלאָף, סעקרעטאַר.

# מיטן פנים צו לאָס אַנגעלעס

אין לעצטן נומער „חשבון" האָבן מיר דערמאָנט, אַז אונדזער יידישע לאָס אַנגעלעס פאַרמאָגט איצט אַ צאָל אָנגעזעענע שרייבער, דיכטער און עסייאיסטן; און ס׳איז באמת נישטאָ קיין גרינטלעכע סיבה, ווארום די היגע שרייבער זאָלן ניט אַרויסגעבן אַן אייגענעם, פּעריאָדיש ליטעראַרישן זשורנאַל.

דער לעצטער נומער (6) „חשבון", וואָס איז דערשינען אין חודש אָקטאָבער, 1955, איז אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמען אינטערעס און ברכות טובות, סיי דאָ אין ל.אַ. און סיי אין ניו־יאָרק און ישראל.

דאָס ווערטל: „מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט" איז מאָסגיביק, אין דעם פאַל, מיט די אנטיילנעמער אין דעם זשורנאַל; מחמת, די איניציאַטיוו אַז „חשבון" זאָל אָנהייבן אַרויסקומען פּעריאָדיש איז געקומען פון די שרייבער גופא. און די דערשיינונג פון דעם היינטיקן נומער איז אַ פּועל־יוצא פון דעם „עומר ועושה" פון די שרייבער אין דער אויסגאַבע.

איבעריק צו זאָגן אַז דער דראַנג און תשוקה ביי דעם יידישן שרייבער צו האָבן אַן אייגן ווינקל, וואו ער זאָל ביכולת זיין קומען צום אויסדרוק מיט זיין שעפעריש וואָרט, איז צום פאַרשטיין און איז אויך נאַטירלעך.

בערך מיט אַ זיבן אָדער אַכט יאָר צוריק זיינען נאָך געווען אין די גרעסערע יידישע פּראָווינץ־שטעט פּעריאָדישע צייטשריפטן און וואָכנבלעטער, וואו דער יידישער פען־מענטש האָט מיט חשיבות און כבוד געהאַט אַן אָרט פאַרן אויסדרוק פון זיינס אַ שאַפונג. איצט איז אין דער יידישער פּראָווינץ אַזאַ זאַך, כמעט, ווי נישט בנימצה.

פון די אַלע יידישע צייטונגען ווי: „די יידישע וועלט" און „טעגלעכער קוריער" אין שיקאַגאָ, „די יידישע וועלט" אין קליוולענד, „דער יידישער רע־קאָרד" אין סט. לואיס, „די יידישע וועלט" אין פילאַדעלפיע, „די קאַליפאָרניער יידישע שטימע" אין לאָס אַנגעלעס, א.אַ. פון די אַלע דערמאָנטע יידישע צייט־שריפטן, איז קיין זכר פאַרבליבן. אַ טייל פון זיי זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין ענגלישע אויסגאַבן, אָן אַ שמץ אפילו פון אַ יידיש אות.

אויך אין דעם גרויס־מיליאָניקן יידישן כרך — ניו־יאָרק, איז פון דער גרוי־סער צאָל יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, פון דעם ניט־וויטן עבר, רעדוצירט געוואָרן צו געציילטע אויסגאַבן.

יאָ, ס׳ווערט וואָס אַמאָל שווערער און ענגער אין דער יידישער פּרעסע און זשורנאַלן, פאַר דעם יידישן שרייבער קומען צום אויסדרוק: שרייבט טאַקע דער באַוווסטער שריפטשטעלער, מרדכי שטריגלער, אין „יידישער קעמפער" פון אויגוסט דעם 12טן פ.י., מכוח דעם זעלביקן ענין:

„מען שרייבט און מען רעדט ביי אונדז זייער אַ סך וועגן המשך פון יידישער שעפערישקייט, וועגן דער יידישער ליטעראַטור און אירע גרויסע אויפגאַבן — אָבער ווערט הערט דעם געשריי פון יידישן שעפער און ווער קען שפירן דעם גרויסן צער פון אַ שעפערישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַקטיש נישט וואו צו קומען צום אויסדרוק?

„עס זיינען נאָך פאַראַן אין דעם יידישן אַמעריקע אַ גרויסע צאָל שרייבער,

וואָס זיצן און שאַפן ביחידות. טייל פון זיי אַרבעטן איבער גרויסע ראָמאַנען; אַנדערע שרייבן גרעסערע אָפּהאַנדלונגען פון עסייאיסטישן כאַראַקטער; נאָך אַנדערע שרייבן גרעסערע דערציילונגען — און אויך פּאָעטן באַגרענעצן זיך נישט אין די ראַמען פון קורצן ליד, נאָר זיי שרייבן גרעסערע פּאָעמען. נישט אַלע קענען תיכף צוטרעטן צו דער אויסגאַבע פון אַ בוך. דערווייל מוזן זיי וועגעטירן; זיי קענען נישט דערגרייכן דעם יידישן לייענער. — אין אַ יידישער צייטונג, ביים היינטיקן טאָג, איז דאָ אַ סך אָרט פאַר עטלעכע שונד־ראָמאַנען מיטאַמאָל. עס איז אָבער כמעט נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין קינסטלעריש טיפן ראָמאַן. דער וועג פאַר אַ לענגערער און קינסטלערישער נאָוועלע איז ממש פאַרוואַקסן מיט דערנער. טאָ וואוהין זאָל דער שעפערישער מענטש אויף יידיש גיין מיט זיין וואָרט?״ . . .

כ׳האָב געבראַכט די באמת טרעפלעכע ציטאַטן פון דעם חשובן מ. שטריגלער, כדי נאָך פעסטער פאַרגרונטיקן דעם טעזיס, מכוח דעם מצב פון יידישן צייטונגס־וועזן און זשורנאַליסטיק אין צפון אַמעריקע; און באַזונדער פון דער געשאַפענער קאָניוקטור, פאַר דאָס רוב פון יידיש־שעפערישן מענטשן, וואָס איז לגמרי געבליבן אָן אַן אָרט פאַר אויסדרוק פון זיין שעפעריש וואָרט.

מיר מוזן בכן אנערקענען אַט דעם אומ׳וויכוח׳דיקן טרואיזם, און אוודאי דאַרפן מיר עס אין זינען האָבן דאָ, ביי אונדז אין ל.א., וואו מיר זיינען אַ היפשער מהלך פון דעם גרויסן יידישן צענטער ניו־יאָרק. פאַר אונדז דאָ, איז די אויסגאַבע פאַר אַ יידיש קולטור־ליטעראַרישע שריפט אַ נויטיקער באַדאַרף, הן פאַר דעם שרייבער, הן פאַר דעם יידיש־יידישן קולטור־עסקן און לייענער.

פאַר אַזאַ גרויסן יידישן ישוב ווי ל.א. — דער ניו־יאָרק ביים פּאַסיפיק, איז עס ממש אַ בזיון ניט צו האָבן דאָ אַ פעראָדישע שריפט!

זייער טרעפלעך זיינען געווען די באמערקונגען פון „לעבעדיגן״ אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ „אויפן ליטעראַרישן יאריד״, אין שייכות מיט דעם זשורנאַל „חשבון״:

— „חשבון״ — שרייבט ער — אַ יאָר־שריפט אַרויסגעגעבן פון לאָס־אַנגע־לעסער יידישן קולטור קלוב, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ שטימונג צו באַזינגען, און אָט איז מיין געזאַנג:

— „לאָס אַנדזשעלעס, יידישע לאָס אַנדזשעלעס, איך שעם זיך פאַר דיר!

— לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, אַ שטאָט פון אַזאַ רחבות און אויפבוי, קען ניט אויפבויען אַ צייטשריפט, וואָס זאָל זיין אַ כבוד ניט נאָר פאַר קאַלי־פאָרניע — נאָר אפילו פון ניו־יאָרק!

— לאָס אַנדזשעלעס, אַ שטאָט מיט צענדליקער טויזנטער יידן (קרוב צו 400,000 כן ירבו, י.פ.) מיט ענערגיע אָנגעגורטע — און עס פעלט דיר דאָס ביסעלע ענערגיע אויף צו האָבן אַ לייטישע שריפט און ניט נאָר אַ יערלעכע — אַ וועכנטלעכע!

— אָרעמע יידישע קולטור פון לאָס אַנדזשעלעס — ווי קליין זיינען דיינע השגות!״

גערעכט, חשובער „לעבעדיגער״!

ט ו י ז נ ט מ אָ ל ג ע ר ע כ ט ! . . .

וויפל מאָל, דענקט איר, האָבן מיר דאָס אייגענע שוין געזאָגט און גערופן

צו די יידן אין לאַס אַנדזשעלעס ? !

די וועלכע האָבן געלייענט דעם לעצטן נומער „חשבון" האָבן געוויס באַמערקט אַז מיר האָבן זיך באַמיט, מער־ווינציק, ניט נאָר אָפּצושפּיגלען דאָס היגיידיש לעבן קולטורעל, נייערט, מיר זוכן אויך ליטעראַריש און קינסטלעריש אַריינצוברענגען דעם אָטעם און די שטימונג פון אונדזער סביבה.

קאַליפאָרניע, און בכלל די גאַנצע מערבדיקע העמיספער, האָט צו דערציילן אַ באַזונדער גלאָררייך קאַפּיטל, פון קאַמף, העראָאיזם און שאַפערישקייט. די יידן ווי אַ קאָלעקטיוו און ווי יחידים האָבן נישט ווייניק בייגעטראָגן צום אויפבוי פון אָט דער מערבדיקער קיניגרייך.

דער יידישער שרייבער און דיכטער קען דאָ געפינען אַ סך גייסטיקע אוצרות און, מיט דעם כוח פון זיין פאַנטאַזיע און טאַלאַנט, אַרויסהייבן זיי און אַנטוויקלען זיי צו קינסטלערישע הויכן . . .

דער מוסר השכל פון דעם איז:

מיר ווענדן זיך באַמיען אויף די שפּאַלטן פון „חשבון" אַרויספירן, בעיקר, אונדזערע היגע וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַריש־קינסטלערישע און קולטור־שעפערישע כוחות,ביים פּאַסיפיק. און . . . איר, די אַספּיראַנטן פון יידיש, וועלכע ריידן אַזויפיל וועגן דער נויטיקייט פון אַ יידיש־פּעריאָדישער שריפט, קענען איצט דורך ערנסטע מעשים, און מיט ניט צופיל אָנשטרענגונג, דאָס רעאַליזירן.

י. פּ.

---

# חבל על דאבדין

מיט טיפן צער און שווערן טרויער האָבן מיר אויפגענומען די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז דער באַרימטער ליטעראַטור קריטיקער

## שמואל ניגער (טשאַרני) ע״ה

איז אין מיטן פון זיין אַקטיוו שעפעריש לעבן, אַזוי פּלוצים פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן.

אונדזער טרייסט און מיטגעפיל צו קאָלעגע דניאל טשאַרני און משפּחה — איר זאָלט מער פון קיין צער ניט וויסן.

---

נאָך האָבן מיר זיך נישט צוגעוואוינט צום גרויסן פאַרלוסט, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, מיט דעם טויט פון ש. ניגער ע״ה און אַ צווייטע טרויעריקע ידיעה וואָס האָט אונדז ניט ווייניקער דערשיטערט — דער פּלוצלינגער טויט פון דעם טריי איבערגעגעבענעם קולטור עסקן און ליטעראַטור מעצענאַט

## ל. מ. שטיין ע״ה

צוויי פעסטע זיילן פון אונדזער יידישן קולטור בנין זיינען, איינער נאָכן אַנדערן, מיטאַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן.

כבוד זייער ליכטיקן אָנדענק.

רעדאַקציע.

ה. רויזענבלאַט

# הגר

אין מדבר, ביים ברונען, זיצט הגר
און באַוויינט אירע איינזאַמע יאָרן.
אַרום איר אַ גרינער אָאַזיס,
נאָר . . . הגר — אַ שטיין איז געוואָרן.

די זון האָט פאַרבראָנזיקט איר פּנים,
פאַרקופּערט איר האַלדז און איר נאַקן.
עס הענגען פאַרגליווערט אין פּערל
די טרערן ביי איר אויף די באַקן . . .

אין שויס ביי איר דרעמלט ישמעאל,
איר יינגל — אַ זקן אַ בלינדער —
און חלומט פון ווייסע געצעלטן ;
פון הירשן, פון שאָף און פון רינדער ;

פון בליציקע פיילן, וואָס שיסן
אַרויף צו די וואָלקנס, און ווערן
פאַרוואַנדלט אין רוים פון דעם הימל
אין בלויע קרישטאָלענע שטערן.

ער חלומט, און ציילט אין זיין חלום
די ווייסע קרישטאָלענע שטערן ;
די וואַרעמע וואָלענע וואָלקנס,
און הגר׳ס געזאַלצענע טרערן . . .

# שניי־חלומות

אָסיען. דעמער — זשאַר און גאָלד.
וואָלנקס. שאָטנס. ווינט און וואַלד.

הימל — קופּער, שטאָל און בליי.
אַלטע, מידע בעטלערס דריי.

בעטלערס — שמאַטעס, לאַטעס, בערד.
האָרבעס, טאָרבעס, הרודעס ערד.

שטיל. אַ בלויער פייער ברענט.
דריי פּאָר ווינט־פאַרבלויטע הענט.

קיינער רירט זיך ניט פון אָרט.
קיינער רעדט ניט אויס קיין וואָרט,

אַט . . . ווי ס׳וואָלט זיי גאָט אַליין
אויסגעהאַקט פון קיזלשטיין . . .

ניט נאָר זיי אַליין, — נאָר אויך
ס׳פייער זייערס און דעם רויך . . .

שטיל . . . אַזוי אַז יעדער הערט,
וואָס דער שכן זיינער קלערט.

און דער שכן זיינער טראַכט:
— אוי, ווען שנייען היינט ביינאַכט!

שניי איז ווייס און נאַכט איז שוואַרץ,
און אַזוי איז יעדע האַרץ . . .

און די שטומקייט ווינט און רעדט:
פּאָר זיי דרייען — איין געבעט:

— יעדן איינעם, גאָט מיין האַר!
טיילסטו צו זיין חלק שכר.

מיר, — אַ טאָרבע אויפן קאַרק,
און דאָס הפקר־ברויט פון מאַרק.

האָט פאַרנומען גאָט דער האַר,
אין דער שטומקייט, זייער צער,

און האָט איבער זיי פאַרשפּרייט
זיינע פליגלען, און . . . עס שנייט!

דר. ח. מ. ראַטבלאַט

# מלכה חפץ טוזמאַנס דיכטונג

מלכה חפץ טוזמאַנס דיכטונג איז אין איר עצם מהות האַרץ־רייד, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין געדאַנקלעכקייט, ד.ה. לירישער אויסגוס, וואָס ווערט סוב־לימירט אין אינטואיטיוון אינטעלעקטואַליזם.

זי רעגט אָן ראשית כל דעם לייענערס עמאָציעס, אָבער בהדרה׳דיק ווערן אויך באַווירקט זיינע געדאַנקען.

איר באַפליגלטע דיכטונג, וועלכע איז אָנגעהויכט מיט סימבאָלן, שוועבט ווי אַ „געשוועב פון טויבן״ צווישן צוויי הויפּט־אידייען: גאָט־וואָרט און וועלט־באַנעם, וועלכע סימבאָליזירן די צוויי לייט־מאָטיוון פון איר פּאָעטישער יצירה, דער עכט יידישער מאָטיוו און דער אַלמענטשלעכער, וועלכע סינטעזירן זיך און דערגאַנצן זיך אַזוי ווי אין אונדזער נבואה, און ס׳איז ניטאָ קיין סתירה צווישן זיי.

מלכה חפץ טוזמאַן ציט איר הויפּט יניקה און אינספּיראַציע פון איר נאָנטער פאַמיליע: די פאַרגעטערונג פון אירע עלטערן, בעיקר פון איר פאָטער, וועלכער איז ניט נאָר פאַר איר פאָטער געווען אַ פיזישער און גייסטיקער דעמב, נאָר אויך פאַר דער דיכטערין אַליין; ער איז פאַר איר מער ווי דעמב, ער איז פאַר איר דער סימבאָל פון די סאַמע העכסטע יידישע און אַלמענטשלעכע אידעאַלן.

אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג און אומעט, וועלכע באַהערשן זי און פאַר־טונקלען איר די ליכט פון דער וועלט, ווען ס׳באַפאַלט זי אַ שרעקלעכע אימה פאַר דעם מין מענטש, די ברוטאַלסטע חיה פון אַלע חיות, זעט זי אין איר וויזיע דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון איר אויסגעטרוימטן פאָטער־אידעאַל, און איר פלוך, וואָס רייסט זיך פון איר ברוסט, ווערט פאַרשטומט אויף אירע ליפּן. און איר זיפץ אויף דער גייסטיקער ירידה פון דעם מין מענטש ווערן פאַרוואַנדלט אין „ניט געצוימטער פייער״ פון: קדושה און אהבת הבריות (הייליקייט און מענטשן־ליבע)·

זי זינגט צו איר אויסגעטרוימטן פאָטער איעדאַל:

„דאָרט וואו ס׳איז דיין הויז געווען<br>
וועט מיין היים שוין אייביק בלייבן.<br>
קיין זאַך<br>
וועט דעם שימער פון דיין זילבער ניט פאַרמעקן.״

דעם פאָטערס אידעאַלער געשטאַלט פון אונדזער דיכטערין ווערט דער לייכטורם אין איר לעבנסוועג, און לאָזט זי ניט זינקען אין דעם אָפּגרונט פון עצבות און פאַרצווייפלונג. זי געדענקט זיין שטרענגען געבאָט:

דעם קאָפּ לאָז ניט פאַלן.<br>
אויגן, זאָגסטו,<br>
האָבן אין דערנידער גאָר נישט וואָס צו זוכן.

ממילא הייבט זי איר בליק צום הימל און זי צעשטראַלט פון גאָט־וואָרט און וועלט־באַנעם, צוויי געטרייע מלאכים וואָס באַגלייטן זי אויף איר דערנער־וועג . . .

אויך איר מאַמע איז, כאָטש אין אַ קלענערער מדרגה, אַן אייביקער קוואַל

פון איר אינספּיראַציע: „דאָס ווייכקייט פון איר שמייכל", די מאַמעשע גוטסקייט און איר געדולד צו דער יינגסטער טאָכטער, די דיכטערין, די ווילדע יונגע ציג פון דער פאַמיליע, האָבן באַרייכערט און פאַרטיפט דער דיכטערינס מאַמעשקייט, וועלכע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סימבאָל און וויזיע פון אייביק מאַמעשקייט וואָס באַזעלט די מענטשהייט, און לאָזט זי נישט זינקען אין איר חיהשער ברוטאַלקייט; זינגט זי מיט התלהבות און באַגייסטערונג:

שמייכל, מאַמע, אויס אַ זילב פון אירעטוועגן (ד.ה. פאַר דער דיכטערין)
שליס אויף די גאַמע
פון דיין געדולדיק וואָרט,
וועט אַ טרייסט איר אויפגיין, מאַמע.

די ווערטער קלינגען כמעט ווי אַ תפילה צום אָנדענק פון דער מאַמע, וואָס שמייכלט נאָך אַלץ צו איר פון דעם גיפּסענעם קאָפּ אויפן קאַרניז; אגב, איז כדאי אָנצודייטן אויף דעם פיינעם וואָרטשפּיל פון דעם פערז: מאַמע, גאַמע, אַ מוזי־קאַלישער טערמין. עס דערוועקט אין דעם לייענער אַן אַסאָסיאַציע — דער אָנדענק פון דער מאַמע איז צום עמפּינדלעכן אויער פון דער דיכטערין ווי אַ בת־קול פון געטלעכער מוזיק, וואָס צעזינגט זיך אין אונדז . . .

די פאַרגעטערונג און אידעאַליזאַציע פון אירע עלטערן איז דער שליסל צו מלכה טוזמאַנס פּאָעזיע, דער פאַמיליע מאָטיוו פאַרצווייגט זיך און איז כולל, ניט נאָר אירע עלטערן, נאָר אויך די גאַנצע פאַמיליע און איז אויך דאָס שפּרינג־ברעט צו איר נאַציאָנאַלער דיכטונג און צו איר אַלמענטשלעכער פּאָעזיע. זי שליסט איין פאָלק און מענטשהייט אין איר פאַמיליע קרייז: זיי ווערן אַן אינ־טעגראַלער טייל פון איר „איך".

זינגט זי אין אַכטן סאָנעט פון איר סאָנעטן־רינג וואָס איז אָנגעהויכט מיט אַ תפילה צום „באַשאַפער, האַר פון אַלץ וואָס לעבט, וואַקסט און שטייגט", אַז ער זאָל ניט לאָזן איר „האַרץ צו גרינגעם שימער ציען", און זאָל זי אָפּראַטעווען פון דעם „נעץ וואָס ט'אַרום מיר אַ שטריק פאַרצויגן"; זי זינגט אין אויסגעטאָקטע גילדענע פערזן, אַ לויב־געזאַנג צו איר פאַמיליע:

כ'בין געבאָרן פון אַ דור וואָס האָט געבענקט
פון דור־דורות פריער נאָך צו שכינה־ליכט. — — —
פאַראַן ביי אונדז אַזאַ צעפלאַמטער גלויבן:
איינער אַ געבענטשער פון מיין גזעס טראַכט
וועט ראוי זיין צו שכינה זיך דערהויבן
און ניט בלינד ווערן ביים אויפדעקן איר פּראַכט.

און אַזוי ווי אין די אַלטע יידישע לעגענדעס, קלאָגט די שכינה אויף דעם ביטערן גורל פון דעם יידישן פאָלק, וועלכעס איז פאַרטריבן געוואָרן פון "טאַטנס טיש" און איז אַ נע־ונד'ניק צווישן פעלקער־וועלף, וועלכע ווילן אים פאַרציקן, אַזוי קלאָגט אונדזער דיכטערין אויף אונדזער טראַגישן אומקום אין די טרויעריקע היטלער־יאָרן:

מיט זיין רעכטער האַנט האָט גאָט דער האַר
פאַר אונדז געעפנט אומקום־תהומען.

אונדזערע הימלען זיינען פאַרוואָלקנט, און ס'גיסט זיך אויף אונדזערע קעפּ גאָטס צאָרן און ער דער אַלמעכטיקער טאַטע האָט פאַרהוילן זיינע אויגן פון

אונדז, זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן געדיכטן וואָלקן און וואַרפט אונדז ניט צו אפילו איין ליכטיקן שטראַל פון האָפנונג:

און נישטאָ אינערגעץ ניט קיין אַנדייט,
אינערגעץ ניט דיין סימן אויף אַ גואל.

און כאָטש אין די טיפענישן פון איר פאַרוויקלטער נשמה „ברעכט זיך ווי אַ בליץ א שבח צו זיין ליבן נאָמען", רעוואָלטירט זי קעגן אלמעכטיקן טאַטע, און ס'ברויזט אויף אין איר האַרץ הייליקע חוצפה און זי רופט אויס צו מרים הנביאה:

פאַרגיב מיין מוט . . .
איך נעם גאָטס צייכן מער ניט אָן
פאַר וואויל און גוט.

און פונקט אַזוי ווי דער באַרדיטשעווער ז"ל, האָט בשעתו אויפגעפאָדערט דעם רבונו של עולם צו אַ דין־תורה פאַר זיינע עוולות צום פאָלק ישראל, אַזוי קלאָגט אָן די דיכטערין דעם האַר פון דער וועלט צו זיינע עשרת הדברות:

איך טו אים נאָך פאַרקלאָגן.
איך שטעל זיך קעגן אים און קלאָג אים אָן
צו זיינע צען געבאָט.

ווי עכט יידישלעך און געטריי צו דעם יידישן וועלט־באַנעם אין זיין פּאָס־טולאַט פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט זיינען די דאָזיקע שורות: אברהם אבינו, ירמיהו, חבקוק און איוב האָבן געהאַט די הייליקע חוצפה צו פאָדערן משפט פון האַר פון דער וועלט, ווען ס'האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיין משפט איז ניט קיין גערעכטער.

אין אונדזער פאָלקסטימלעכער לעגענדע קלאָגט זיך משה רבינו פאַר גאָט אויף זיין ניט־געטרייקייט צו זיין אייגענער תורה. (אתה עושה תורתך פלסתר! דו פאַלסיפיצירסט דיין תורה).

דאָס מאַמעשע האַרץ פון דער דיכטערין טריפט מיט בלוט און אייטער, זעענדיק ווי גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין מאַרטירער־פאָלק אין אונדזער טראַגישער צייט, און זי פילט, אַז דער מענטש, וואָס איז נאָר געמינערט אַביסעלע פון גאָט (ותחסרהו מעט מאלהים), דאַרף האָבן דעם מוט און די הייליקע חוצפה צו רופן דעם בורא עולם צו אַ דין־תורה:

מיין יחוס איז אַ פאָלק מאַרטירער און
איך האָב מיין צלם אלקים.

און פונקט אַזוי טיף און ערנסט ווי ס'איז איר ליבע צו אונדזער מאַרטירער־פאָלק, אַזוי איז אויך טיף איינגעוואָרצלט אין איר באַוואוסטזיין איר ליבע צום מין מענטש, כאָטש אַ גרויסער טייל פון אים האָט אָפּגעמעקט אין די טראַגישע יאָרן זיין צלם אלקים, און האָט ניט אויפגעשטורמט דעם גוטס'דיקן וועלט־געוויסן מיט דעם כסא הכבוד פאַר דער ברוטאַלער פאַרניכטונג פון אַ דריטל פון אונדזער מאַרטירער־פאָלק.

איר מענטשן־ליבע איז אויף אַ האָר ניט פאַרמינדערט געוואָרן, און ניט נאָר איז איר פרעמד דער נקמה־געפיל, נאָר זי בלוטיקט פאַר אלע ליידנדע פון אַלע פעלקער און דער צער פון דער וועלט, וועלכע טוט זיך עקן און שטייט אויפן שוועל פון אונטערגאַנג, הערט זיך מעכטיק אין איר דיכטונג:

פויסט אַנטקעגן פויסט טוט אין אומגליק רויען,
ס׳איז עלענד קעגן עלענד אין בלינדן וואַיען.

און ווען ס׳האָט זיך די ראַדיאָ צעזונגען זיג, און אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט האָט זיך צעקלונגען דאָס שאַלן פון די זיגער איבער די באַזיגטע מענטשן־חיות, האָט זי, נאַטירלעך, געבענטשט דעם נצחון, אָבער זי האָט ניט געיובלט, ווייל אין איר אונטערבאַוואוסטזיין האָט זי געהערט די מעכטיקע שטימע פון דעם האַר פון דער וועלט, וואָס זי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף די מלאכים, ווען זיי האָבן געוואָלט זינגען שירה בעת די ברוטאַלע מצרים האָבן זיך געטרונקען אין ים:

איר פרייט זיך גאָר
ווען ס׳זינקען איצט אין ים
די ווערק פון מיינע הענט.

דאָס מעכטיקע גאָט־וואָרט הערט זיך פון ציטער פון דעם געהייליקטן יידישן אות, וואָס די דיכטערין האָט געירשנט פון אירע עלטערן, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווערטער סימבאָלן, אַמאָל טראַגיש־גאַליקע, ווי למשל : בית איז בלוט, חית — חלף און טית — טויט.

אָבער די הייליקע ירושה פון איר טאַטע, וועמענס האַרץ איז געווען באַהויכט פון : גאָט, ייד, מענטש, ליכט און פרייהייט, פאַרטרייבט די טרויעריקע ווערטער־סימבאָלן, און אנשטאט זיי זעט זי וויזיעס פון באַפליגלטע פייערדיקע דעכער פון הייליקע וואַנדערנדיקע געביידעס וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף אונדזער מאַר־טירער־וועג ; פליענדיקע דעכער, וועלכע האָבן באַפליגלט יידישע נשמות אין אַלע דורות און זיי איינגעהילט אין קדושה־מאַנטלען און געשמידט זייער האַרץ און נשמה מיט גאולה־האָפנונגען, געטרייסט און געמוטיקט און טאָקע אויך אויס־געוואָרצלט פון זיי שנאת הבריות און ניט געלאָזט זיי דעגענערירן פון נקמה־דורשט . . .

דעם טאַטנס ירושה פון באַפליגלטע דעכער איז געווען גוט פאַר אַמאָליקע דורות, אָבער אין איצטיקן דור פון פאַרוויאַנעטע נשמות מיט אויסגעליידיקטע הערצער, וועמענס גייסטיקער כוח איז כמעט אַטראָפירט און ער האָט דעריבער אויפגעהערט צו שפינען דעם פאָדעם פון אמונה, און ס׳קרישלט זיך די גאָלדענע קייט, וואָס האָט פאַרקניפּט דעם הוה מיט דעם עבר, ווער וועט באַפליגלען אונדזערע קינדער וואָס לויפן אַוועק פון אונדז, העט, העט ווייט, און ווערן ניט אינספּירירט פון זייער טאַטנס ירושה?

אפשר וועלן פּלאַטאָ, ספּינאָזאַ, העגל און קאַנט אויסשמידן נייע פליגל פאַר די נשמות פון אונדזערע קינדער? ס׳גלויבט זיך קוים! זוכט די דיכטערין, וועמעס מאַמעס האַרץ קאַרטשעט זיך פון שמאַרץ, זעענדיק ווי די גרעסטע קללה פון דער תוכחה איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונדזער דור: „דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און דיינע אויגן וועלן אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט״ (דברים כח, 32, יהואש׳ס איבערזעצונג).

זינגט טרויעריק די דיכטערין:

ווי פלינק יונגע פיס קענען לויפן!
מיר פאַר דער מידקייט אין זיי·
מיין ברכה פלאַנטערט אין שטויב פון זייערע טריט.

באַשירעם זיי, גאָט, און באַהיט.
מיין ליבע ביי זייער צעפּאָכטן שפּאַן
יאָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פון מיר,
ווייַנט מיין אומעטיקע טיר.

און צוזאַמען מיט איר וויינען אַלע פילנדע נשמות און פאַרווייטאָקטע הערצער, זעענדיק ווי אונדזער יוגנט, אונדזער בלוט און פלייש לויפט אַוועק פון אונדז . . .

זוכט מלכה חפץ־טוזמאַן באַדן פאַר אונדזערע אַוועקלויפנדע קינדער, אָבער די וויזיע פון די באַפליגלטע דעכער, וואָס זי האָט געזעהן פון איר טאַטן איז צו טיף פאַרוואָרצלט אין איר און זי פילט, אַז באַדן אליין אָן באַפליגלטע דעכער איז ניט קיין רפואה . . .

דער דיכטערינס פאַמיליע קולט האָט זיך פאַרטיפט אין אַלמאַמעשקייט, וואָס האָט געפונען איר שענסטן אויסדרוק אין איר געדיכט: „מאַמעס ביי די באַנען", וואָס איז אָנגעהויכט מיט אַלמאַמעשער צערטלעכקייט, צער און בעיקר מיט ליבע, צו אַלע קינדער פון דער וועלט, וואָס די וועלט־קצבים האָבן זיי געשיקט צו דער מלחמה.

איר תהומדיקער צער פאַר אונדזערע קינדער איז אַזוי טיף און שטאַרק, אַז זי קאָן זיך ניט פאַרגינען צו לאַכן. ווי קאָן מען לאַכן, ווען „אַזוי פיל צער איז פאַראַן אין אַ ברעקעלע זיין?"

און פון די טיפעניש פון איר נשמה רייסט זיך אַרויס אַ וויי־געשריי:

ווי צו מיר!
איך בין אַ דעזערטיר,
איך לאַך אַמאָל,
איך זינג אַמאָל.

און זינגען זינגט זי אפילו ווען זי וויקלט זיך איין אין איר אומעט און צער ווי אַ לעצטע פּלאַנץ, ווייל גאָט־וואָרט באַפליגלט זי, און כאָטש זי זינגט צו דער ערד:

אין הויך פון דיין אָטעם, רחבותדיק, ברוסטיק
גיי איך אויף און
ווער גלוסטיק.

איז איר אידעאַל באַפליגלטע דעכער, וואָס פליען צום כסא הכבוד, העט הויך, הויך איבער די הימלען:

אין פליגל מיין דמיון ביז הימל אַריבער, אַריבער.
וועלט עקן שאַלן,
רופן זיך איבער.

גאָט־וואָרט און וועלט־באַנעם באַגלייטן אונדזער דיכטערין אויף איר לעבנס־וועג, און זיי האָבן דעם מיסטישן כוח צו פאַרוואַנדלען תהומדיקן צער אין פרייד פון יצירה, וואָס צעשטראַלט זיך אין באַפליגלטע ווערטער, אָנגעהויכטע מיט ריטמישער מוזיקאַלישקייט און פיל מאָל מיט חן פון פאָלקסטימלעכקייט, ווי למשל אין איר געדיכט „צו אַ ייִנגעלע", וועלכע צעשטראַלן דעם לייענער, און זיין ברעקעלע „זיין", וואָס איז פול מיט אומעט און תהומיקן צער ווערט איבערפילט מיט גליקזעליקייט און נשמה־פרייד.

מלכה חפץ טוזמאַנס פּאָעזיע איז אַ באַלזאַם פאַר אונדזער הארץ און פליגל פאַר אונדזער נשמה, וואָס הייבט אונדז אויף ביז צום הימל, און אפשר נאָך העכער.

מלכה חפץ טוזמאַן

## גרויס וואָרט

איך דערקען און נעם אויף דיין גרויס וואָרט
מיטן אויפבליץ פון ליכט אין מיין מוח.
עס גייט אויף אינדערשטיל און פאַרשפּאָרט
דעם רויך פון זיך זיין מתוכח.

ס'איז פאַראַן אין דיין זאָג אַזאַן אמת
וואָס איז ריינער פון טוי אויפן גראָז.
כ'צי אַראָפּ פון דיין ליפּ דעם רמז
וואָס ווינקט שוין אויך אָן אַ פראַגנאָז.

אַ ברונעם אַ טיפער איז מיר דיין זאָג
דאָרט שפיגלט מיין פּנים זיך שענער.
ס'זונט מיר אַ שמייכל דעם גאַנציקן טאָג:
ס'איז גוט זיין דערקענט און דערקענער.

נאָכדעם פאַרגייסטו נאָר אין דיינע שפּורן
צי איך און וויקל גינגאָלדענע שנורן.

## פיר טריאָלעטן

## מיין מקלט

בין איך דיר געטריי, מיין איינזאַמקייט,
אַ דו מקלט מיינער זעלטענער.
דו היטסט אויף אין מיר מיין זעלבסטזאַמקייט
שווער איך דיר „געטריי", מיין איינזאַמקייט.
זע באַגלייט מיך ביז דער קופער-צייט,
וואו עס פירט דער דרך אָט דער וועלטענער
בלייב איך דיר געטריי, מיין איינזאַמקייט,
אַ דו מקלט מיינער זעלטענער.

## קלוגשאַפט

זע. איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און ווער ווייסט וויפל שפּאַן נאָך ווייטער.
איך קום צו יונגע שוועלן און איך זאָג:
אָט איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און די קלוגשאַפט מיינע וועלכע איך פאַרמאָג
איז גלייך צו אַש פון אָפּגעברענטן שייטער
כאָטש איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און ווער ווייסט וויפל שפּאַן נאָך ווייטער...

# אייביק

קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
ווי אייביק ס'איז אַן ערלעך וואָרט.
ס'זינדערט און געדולדיקט גלייביק
אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
שעמעוודיק נאָר ס'כוח'ט לייביק —
ס'איז פון שטאָל און פייער סאָרט
און קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
ווי אייביק ס'איז אַן ערלעך וואָרט.

# ביים ברונעמס פיין

וואַכט בעטהאָוועגס אינער־אויער
וואָס דערהערן וויל גאָטס אָטעם.
ביי אַלע שטילקייטן אין לויער
וואַכט בעטהאָוועגס אינער־אויער.
אין טויבקייט טיפער טיפט זיין טרויער.
ביי ברונעמס פיין וואו ס'פירט זיין טראָט אים
וואַכט בעטהאָוועגס אינער־אויער
וואָס דערהערן וויל גאָטס אָטעם.

---

**אַלטער עסעלין**

## די מאַדאָנע ביים וואַסערפּראָנט

דער מיטזומערדיקער ים־ברעג איז געווען אָליוו־גרין און ווי אויף בליצן געקייקלט זיינע כוואַליעס צום געלן אייזברעג. די כוואַליעס האָבן געקלונגען מיט ריטמישן ים־געלעכטער. נאָר דער דזשאַז־אָרקעסטער פון דערבייאיקן טאַנצזאַל האָט זיי אַריבערגעשריען.

פּרויען, רונד־גלידערדיקע, געשטרייפטע ווי זעברעס, האָבן ארומגעמארשירט איבער דער לאַנגער פּראָמענאַדע. געוויגט מיט די היפטן, געדרייט די קעפּ. זיי האָבן זיך געמאַכט פּראָמינענט. די זון האָט געטאָן אירס: געבאַקט מיט קאָ־באַלטן גלימער.

אַן אלטינקער פּריסט — קורץ, פעט, וואָס האָט פּאַראיינס געווישט דעם ווייך־געוואָרענעם קראַגן, האָט מיט אַ סלחתי־שמייכעלע אויפגענומען דעם „וויל־אָ־דע־וויספּ" פון אַזויפיל ווייבערישער לייב־אַנטפּלעקונג: הייס הייגט, נו אַ היץ. — ווי אַן איבעריקער געזוכט אַנטרינונג.

די שרייענדיקע קאָלירן און די פעמיניסטישע פּאַלצעטאָס האָבן דערמאָנט אין אַ מאַסנסצענע פון אַ לאַנגווייליקער אָפּערע, אויף וואָס אַלע זאָגן: עס איז וואונדערלעך, עס איז הימליש, נאָר דיר פּאַרדריסט וואָס צווישן פיין דערצויגענע מענטשן פעלן ניט קיין ליגנער.

ערגעץ אין אַ זייט, ווייט פון מאָדע און סינטעטישן פאַרגעניגן, וואו כאַאָס הערט אויף און דער פּינקטלעכער וואַסער־ריטם הייבט אָן די מיסטעריע פון מאַרין־פּאָעזיע, איז געזעסן אַ פּאַרל. הן אין יאָרן, הן אין אויסזען — קינדער. זי איז געזעסן אויף אַ זאַמדיק בערגל אין אַ „ראָדענס דענקער"־פּאָזע. די פּיס אויסגעבויגן אין אַ דעלטאַ, די עלנבויגנס אויף די קני און געקוקט אַרויפצו, אין הימל הייסט דאָס . . . ער, ווי אַ צעהושטער הירש, איז געלעגן אַרום איר און געקוקט פון סאַמע אונטן אַרויפצו. ווי אַ קראָט האָט ער געגראָבן דעם זאַמד אונטער זיך, מאַנערווירט דעם קאָפּ נידעריק, נידעריק. פּלוצים האָט זי געטאָן אַ צי אויס די פּיס פלאַך אויפן זאַמד און די גראַנדיעזע כימערע איז אַוועק מיט אַ דינינקן שטויבעלע.

אַז אַ לעבעדיקע זאַך הענגט פינף מינוטן אויף אַ שטריק, איז זי טויט. אַז פינף שולדיקע מינוטן הענגען אין דער לופטן, ווערן זיי לויז שווער און פאַלן אַרונטער ווי אויפגעריסענע בריקן . . . זי, אַנדזשעלינאַ, האָט זיי אויפגעהויבן אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג.

— מאַנפרעד, פיר מיך אַהיים — האָט זי זיך געווענדט צו אים אויף אירליידנשאַפטלעכער אַלטאָ. כ'האָב צוגעזאָגט מיין שטיפמאַמע צו זיין אין דער היים ווען מ'וועט דאַרפן גרייטן צום טיש. עס איז שוין זעקס. זי איז איצט קראַנק, אָבער יאַדען קען זי, די בעסטיע. קום, מאַנפרעד, „פּליז"! צום לעצטן קאָנ־סענאַנט האָט זי צוגעגעבן גאָר דעם שוואַרץ־פלאַקער פון אירע גרויסע בעטנ־דיקע אויגן. די הענט אויך, ווי אַ קינד צו דער מאַמע: נעם מיך.

אין אויטאָמאָביל איז געווען שטיקנד און פליגן. ניט גרינג איז איר אָנ־געקומען צו עפּענען אַ פענצטער, און אַז זי האָט שוין געעפנט, האָט ער עס גלייך אַרויפגעדרייט. זי האָט באַמערקט אַז ביי אים ציטערן די הענט. מיט אַ ווינקלבליק האָט זי געהיט יעדן ריר זיינעם.

זי איז געווען גרייט . . . אַ גאָט מיינער, העלף מיר! ער האָט זי אַרומגע־נומען און געקושט ווי אַ זעכצן יאָריקער אַריענטער קען. זי האָט זיך נישט געווערט, נאָר ווען ער האָט זי גענומען אויפן שויס, האָט זי אָנגעהייבן ראַנגלען — ווי אַ פיש וואָס דערשפּירט יבשה.

אַרסעניק האָט געברענט אין זיין בלוט. ווי אַן אקטאָפּוס האָט ער זי אַרומ־געקלאַמערט און ווען ער האָט געמיינט, אַז אָט קומט שוין דער טריאומף פון זיין ריזנטאַט, האָט זי זיך געגעבן אַ דריי ווי אַ טיגערן און אַ קוק אים גלייך אין פּנים אַריין.

אין זיין לעבן האָט ער נאָך אַזויגס ניט געזען: אין אירע אַפּלען האָבן גע־שטעקט צוויי באַיאָנעטן פאַרגאָסן מיט טרערנגלימער, נאָר אויף די ליפּנווינקלען האָט געררוט אַ דין שמייכעלע, אַזאַ וואָס מ'זעט אויף געזיכטער פון פאַרפייניקטע אין רגעס פון דערהויבונג.

ער האָט זיך דערשראָקן און זי אָפּגעלאָזט.

אין אויטאָמאָביל איז געווען שטיל. שטיל? האַרמאַטן שרייען ניט העכער.

ער איז געוואָרן בלאַנק און שטייף ווי האַרבסט־גראָז, און פּנימלאָז ווי וואַסער.

זי האָט געוואויגן און געמאָסטן דעם רעזולטאַט פון איר סטראַטעגיע. גע־וואוסט אַז זי האָט געזיגט, נאָר צי האָט זי ניט פאַרלאָרן מיטן זיג? . . .

— איך בין ניט קיין ביידי, מאַנפרעדאַ, איך בין שוין פופצן, האָט זי

גערעדט וואָס מען זאָל פאַר איר פֿאַרשווייגן, צוגעזאָגט איר אַזוי פיל — וואָס?

גענאַרט שטיל ווי אַ פעדערפּאַל און צוגעגעבן — שוין אַביסעלע העכער — אַזוי טאָר מען ניט. הינטיש. איך בין אַ יידישע. איך מוז זיך היטן.

אַ פויגל מט אַן עקזאָטשן טשוב איז אָנגעפלויגן, דריי מאָל האָט ער עפּעס אַראָפּגעפּיקט פון דער ניקעלנער גאַלקע פונם אויטאָמאָביל, ווי ער, דער פויגל, וואָלט זיך דריי מאָל געגניגט און אַוועקגעפלאַטערט.

אנדזשעלינאַ האָט געעפנט אַ פענצטער נאָכדעם ווי זי האָט אים געפרעגט, אויב ער איז ניט קעגן דעם. ער האָט געשוויגן אין די נעגל אַריין.

— ביסט בייז אויף מיר, מאַנפרעדאַ?

— איך בין ניט בייז אויף דיר — האָט ער געענטפערט.

— ביסט בייז, איך ווייס. אַז מיר וועלן חתונה האָבן, וועלן מיר טאָן די דאָזיקע זאַכן. עס מוז זיין וואונדערלעך, ווי דו האָסט מיר אַנומלט דערציילט . . . דו ווייסט עס גענוי, איך ווייס עס אויך — פון „נאָוולס״. האָסטו געלייענט דעם „מאָגולס טעכטער״ ?

— איך לייען ניט קיין „נאָוולס״. אויסגעטראַכטע מעשיות. כ׳האָב ליב צו פאַרברענגען מיט אמתע מיידלעך, ניט מיט אזוינע ווי דו. ביסט אַביסל אַ צע־דרייטע אויך.

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים מיט פאַרזיכט און צערטלעכקייט. — דו האָסט מיך ניט ליב, מאַנפרעדאַ. וואָלסטו מיך ליב געהאַט, וואָלסטו ניט גערעדט אַזוי. פאַרליבטע זיינען איידל, אַנדערש.

— און דו האָסט מיך ליב? — האָט ער געפרעגט מיט טאָפּל־כוונות. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים ווי זון אין אַ תהום. — צי האָב איך דיך ליב, פרעגסטו? נעכטן אין שולע האָב איך דיך אויסגעמאָלן אויף דער שרייב־ברעט. די מיידלעך האָבן אונטערגעשריבן דיין נאָמען און געלאַכט פון מיר: „זי ליבט אים, זי ליבט אים״. איך האָב ניט געלייקנט. איך בין געווען שטאָלץ וואָס איך האָב ניט געלייקנט, מחמת איך ליב דיך טאַקע אויף אַן אמת.. איך בענק נאָך דיר ווען איך זע דיך ניט, און אַז איך דערזע דיך, טוט מיט אַ קלאַפּ אין האַרצן. איך ווער רויט. פלוצים האָט זי אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן. איר געזיכט האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ ציטער, ווי ביי אַ פאַליקן. די אויגן זיינען איר פול געוואָרן מיט טרערן. צוויי גרויסע קיילעכלעך האָבן אים אַ ברי געטאָן די פינגער.

— אנדזשעלינאַ, וויינסט? וואָס איז דער מער מיט דיר?

— איך וויין ווייל מיר איז ביטער. אַ גהינום איז מיין לעבן, גהינום מיין היים. דער טאַטע איז אַלט, קראַנק. פיליפּאַ, מיין שטיפמאמעס זון, מאַטערט מיר . . . אַ דינסט בין איך פאַר צען. אפילו קיין רעכט קליידל זיך אויסצופוצן פאַר דיר האָב איך ניט. וואָס דו זעסט, איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. די שטיפ־מאַמע פייניקט מיך. פון סקול וויל זי מיך אָפּנעמען. יעדן חודש באַקוקט זי מיינע אונטערוועש. זי איז מיך חושד, די בעסטיע. פאַר די שכנים פאַרשעמט זי מיך. זי רייסט מיך פאַר די האָר, פון שטוב טרייבט זי מיך. וואוהין זאָל איך גיין? מאַנדפרעדאַ, מאַנפרעדאַ, אָי, אָי, — האָט זי געיאָמערט און געוויגט מיטן קאָפּ אַהער און אַהין; — איך האָב ניט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר מיר. ניט אפילו דו, ווען איך האָב ליב ווי מיין לעבן, מער ווי מיין לעבן — האָט זי געכליפּעט און אַרויפגעקוקט צו אים, ווי זי וואָלט וועלן אַריינקריכן

צו אים אין האַרץ אַריין, און ער האָט טאַקע געפילט ווי זי קריכט גיך צו אים אין האַרץ אַריין און רייסט ווי אַן אויפגעשטורעמטער טייך — אַ דאַמבע.

— שש־א־א — האָט ער געגלעט אירע צוקנדיקע אַקסלען. — באַרואיק זיך, „דאַרלינג״. זע, מאַכסט מיך אויך וויינען. — און ער האָט געוויינט מיט אַ געוויין, וואָס שטאָט אַרויס, רייסט זיך עס אין דער טיף אַריין און נעמט אָפּ דאָס לשון.

איצט זיינען זיי געזעסן פאַראיינט, איינגעקלאַמערט איינס אין אַנדערן, ווי די פיורע אַלמאַכט פון אַ סקולפּטורע, און אַ גליקזעליקייט, וואָס טרעפט מסתמא יעדן מענטשן איין מאָל אין לעבן, האָט זיי אַרומגענומען.

ווען זי האָט זיך באַרואיקט, האָט ער מיט זיין נאָסן „ביידינג״ סוט אויס־געווישט איר געזיכט. נאָר שפּורן פון געוויין — רויטע פאָסן אונטער די אויגן — זיינען געבליבן. דאָס האָט זיך ניט אָפּגעווישט. ווי מ׳קאָן ניט אָפּווישן אַ רעגנבויגן . . . זי האָט זיך פאַרקאַמט, צורעכט געמאַכט דאָס קליידל און מיט אַ קורצן בליצנבליק אויסגעדריקט איר פרייד און דאַנקבאַרקייט וואָס ער איז גוט צו איר.

— זעסט — האָט זי אים געוויזן אַ זילבערן רינגעלע, וואָס איז פריער אַרויסגעפאַלן פון איר בלוזקע — דאָס איז מיין מאַמעס. דאָס איז אַלץ וואָס זי האָט מיר איבערגעלאָזן. אויב דו ווילסט, וועל איך עס דיר אָוועקשענקען — אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו האָסט מיך ליב און וועסט מיט מיר חתונה האָבן. — מיט איר רעכטער האַנט האָט זי אָנגענומען זיין רעכטע האַנט. איר קאָפּ צו זיין קאָפּ, און געשוואָרן:

— מאַמע, גאָט פון מיין מאַמע, שטייט ביי — „נאָר דער טויט זאָל אונדז שיידן״, און אים דערלאַנגט דאָס רינגעלע.

— זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט, ווי נאָך אַ שווערער עבודה. זי האָט פאַר־לייגט די הענט הינטערן נאַקן. פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט אינערלעך געעירט ווי אַ פרוכט מיט זיסקייט.

— אַנדזשעלינאַ, מיר זיינען שוין כמעט פאַרהייראַט — האָט ער זי געוועקט...

— נאָך ניט — האָט זי אים קאָרעגירט — מיר וועלן נאָך דאַרפן אַרויס־נעמען פּאַפּירן.

— מ׳וועט ניט געבן. מיר זענען נאָך צו יונג.

— וועלן מיר וואַרטן. איך וועל שוין פון דיר ניט אַנטלויפן, סיידן דער טויט — האָט זי אים אָנגעוואונקען מיט שאַרפן ערנסט.

עס איז געוואָרן טונקל. זי האָט אים דערמאָנט אין דער שטיפמאַמע און וואָס איר שטייט פאַר. ער זאָל פאָרן.

ער האָט אויפגעשלאָסן דעם אַפּאַראַט, אַ שטייפן טראָט געטאָן אויף פּעדאַל, אַ דריי די ריכטראָד און אויפן אָרט וואו דער אויטאָמאָביל איז געשטאַנען, איז געבליבן אַ שוואַכער סימן, ווי אַ סגל — דריי פּינטלעך בוימל פון דעם מאָטאָר.

אין טאָל, ביים ברעג ים, האָבן די כוואַליעס, ווי אויף טשעלאָס, דערציילט דער נייגעריקער לבנה אַן אַלטע, אַלטע מעשה.

וו. נאַטאַנסאָן

# „בלויע לידער" פון ה. רויזענבלאַט

זייער פרי אין זיין לעבנס־גאַנג און לעבנס־אַנטוויקלונג האָבן די בענקענישן און אויסבענקענישן פון אַ חלום־וועלט באַהערשט די נשמה און גייסט פון דיכטער ה. רויזענבלאַט. קינדוויַיז אָן נאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דיכטערישע וועבן פון חלומות און פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען און זעאונגען פון אַ וועלט, וואָס ווערט בדרך כלל ניט געפאַנגען אין די בלויז פינף־חושימדיקע נעצן, און שפּיגלען זיך ניט אָפּ אין די וואַסערן פון אינטעלעקט און פאַרנונפט. דאָס איז די טראַנסצעדענטאַלע וועלט, וואָס זי צו דערקענען רייסט זיך דער מענטש פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער איז מענטש געוואָרן. וועגן איר האָט ער ניט אויפגעהערט און קאָן ניט אויפהערן צו טראַכטן, צו פאַנטאַזירן און חלומען. דאָס איז די וועלט, וואָס איז פון יענער זייט פון דער מענטשלעכער עמפינדונג־גרעניצן — זי איז מעבר לגבול ההכרה — זי קאָן נאָר בליציק־אינטואיטיוו אויפגענומען ווערן אין די מאָמענטן, ווען די פאַנטאַזיע און די טרוימערייַ ווערט אָנגעצונדן און דורכגעברענט אין די קאַלך־אויוונס פון נבואה, רעליגיאָזיטעט, דיכטונג און פילאָזאָפיע. דאָס זיינען מאָמענטן ווען פאַנטאַזיע און חלום, געלייטערט פון הויכן גייסט און טיפער נשמה, ברענגען דעם מענטשן אַן אַנטפּלעקערישע דערקענטעניש פון דער איבעררעאַלער וועלט. פאַנטאַזיעס און חלומות האָבן געפּלעפּט דעם דיכטער רויזענבלאַטס נשמה און זיין גאַנצן וועזן באַלד נאָר ווען ער איז באַוואוסט געוואָרן אויף זיין איך און זיין זעלבסט.

אַז דאָס איז אַזוי, ווערן מיר גאוואויר פון זיינע „בלויע לידער", וואָס זיינען דאָ ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן.*) גאָר אַ גרויסער אינטערוואַל פון צייט טיילט אָפּ די פאַרעפנטלעכונגען פון „בלויע לידער" און פון ליד וועגן שוסטער „וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע צו זינגען", און דאָך זיינען די „בלויע לידער" שטראַלן־וואָרפער אויף דער אויסגעחלומטער און אויסגעבענקטער וועלט, אין וועלכער דער שוסטער לאָזט זיך וואוילגיין מיט זיין זינגען.

**אין זיין ערשט ליד פון דער סעריע „בלויע לידער" דערציילט אונדז דער דיכטער ווי אַזוי ער איז, נאָך אין די קינדערשע יאָרן זיינע, געפאָרן צו „באַקענען זיך מיט גאָט" —**

אַ נידעריקער וואָגן
געבעטט מיט פרישער שטרוי,
צוויי קליינע ווייסע פערדלעך, —
וואַסיל, מיין טאַטנס גוי.
כ׳פאַרלאָז איצט טאַטע־מאַמע,
מיין דאָרף — צוליב דער שטאָט,
— ס׳איז שוין צייט — זאָגט מיין טאַטע,
באַקענען זיך מיט גאָט.
די מאַמעווישט די אויגן:
— מיין קינד, ס׳אַן אונטערשיד,

---

*) „גאָלדענע קייט", נומער 19.

אין דאָרף ביסטו אַ פּויער,
אין שטאָט אַ פּאָלנער ייד.

און שוין אין יענער צייט — אין דער פּריסטער יוגנט — האָט דער דיכ־טער, זיצנדיק אויפן וואָגן וואָס האָט אים געפירט אופן וועג צו ווערן אַ פּאָלנער ייד, וואָס זיין מאמע האָט אידענטיפיצירט מיט גאָט־דערקענטעניש — דער־פילט אַן ענלעכקייט צווישן זיך און דעם אָוונטשטערן. ער האָט דערפילט, אַז אים און דעם אָוונטשטערן פאַראייניקן דאָס געמיינשאפטלעכע בענקען, די פּאַר־איינזאַמקייט, און אַליינקייט. יענער דערפיל האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די גרונטן פון זיין יונגער נשמה און האָט זיך פאַרזעצט אין די פאַרבאָרגנסטע קע־מערלעך פון זיין קינדהייט זכרון אַזוי, אַז ער קאָן אים איצט, אין זיינע רייפסטע יאָרן, פאַראייביקן אין די פערזן:

פאַרנאַכט — דער אָוונט־שטערן
אין הימל צינדט זיך אָן,
און בלינצלט דורך די צווייגן —
דעם דעמערס ערשטער צאָן.

ער איז, ווי איך, אין בענקשאַפט,
פאַראיינזאַמט און אַליין.

מיר דערוויסן זיך פון די וויטערדיקע פערזן, אַז שוין דעמאָלט, אויפן וואָגן זיצנדיק, האָט זיין פאָרשטעלונגס קראַפט געאַרבעט אזוי שטארק, אַז ער האָט אין זיין דמיון געזען די שטאָט מיט פרעמדע יינגלעך און אַ רבין גאָט ווייס ווער?!

אַ ייד מיט כמארנע ברעמען,
אַ האַרץ פון קיזלשטיין.

פון דער שרעק און ציטערניש, אין וועלכער זיין דמיון האָט אים אַריינ־געוואָרפן, ראַטעוועט אים דער חלום:

נאָר גאָט איז זיך מרחם,
און כ׳דרעמל, דרעמל איין·
עס יאָוועט זיך אַ חלום,
און קריכט אין מיר אַריין.
איך פיל אים אין די ביינער,
אין האַרץ, אין יעדן גליד.

אין חלום קומט צו אים די פאַרזיכערונג, אַז גאָט קאָן אַ מענטשנס האַרץ דערפילן. די דאָזיקע פאַרזיכערונג אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָט במשך פון דעם דיכטערס גאַנצן לעבן געשלאָגן אַלץ מער און אַלץ טיפערע וואָרצלען אין זיין ספּיריטועלער געשטאַלטונג, און האָט אויף שטענדיק פרעזערווירט דעם געפיל און געשאַרפט די אָנשויאונג פון מענטשנס אָרגאנישער אָנגעקניפּט־קייט אָן דער געטלעכקייט. דערפאַר קאָן ער זיך אין די רייפסטע יאָרן דיכ־טעריש דערמאָנען, אַז נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פּאָלנער ייד, נאָך איידער ער איז אין שטאָט אַריינגעקומען

האָט גאָט מיין האַרץ דערהערט:
דער שניי ווערט שיטער, דינער,
דער שניי האָט אויפגעהערט.

**ער דערמאָנט זיך איצט אויך ווי אין יענעם חלום, אויפֿן וואָגן זיצנדיק, האָט ער דערזען דאָס וואָס מען זעט ניט ווען מען איז וואַך. ער האָט דערזען ווי אַ רעגן, בלוי ווי שטערן, פֿאַלט פֿון הימל און שטראַלט. אָבער דער רעגן בלייבט פֿאַרכישופֿט הענגען און רירט ניט אָן דעם וואַלד . . . און אויך מיטן רעגן האָט ער געטאָן אַזוינס, וואָס קאָן נאָר אין חלום געטאָן ווערן:**

כ׳נעם אַ זשמעניע רעגן,
און טו צום ווינט אַ וואָרף.
כ׳דערפֿיל אַ ריח גן־עדן!
דער ריח פֿון מיין דאָרף.

עס שמעקט מיט סאָד און גאָרטן,
מיט בלויעכץ, בעז און היים.
איך זע דעם רויך פֿון קוימען,
מיין שטיבעלע פֿון ליים.

**דאָס באַקענען זיך מיט גאָט, דער גן־עדן ריח פֿון דאָרף און דאָס שטיבעלע פֿון ליים האָט אַריינגעבראַכט אַ גן־עדנ׳דיקייט אין דער גאַנצער דיכטונג פֿון ה. רויזענבלאַט. זיי אַלע דערפֿילן זיך אין פּשטות פֿון זיין וואָרט און אין דער אָנגעלאָדנקייט פֿון זיין שורה, און קלינגען אַרויס פֿון זיינע לידער, וואָס רעגן אָן טיפֿע איבערלעבונגען און פֿילאָזאָפֿיש־רעליגיעזע טראַכטונגען.**

**זיין צווייט ליד פֿון דערזעלביקער סעריע, דאָס ליד „מיין אָפּגעשפּאָרטן פֿאַרמעגן" זינגט זיך אַריין און קלינגט האַרמאָניש מיטן געזאַנג פֿון שוסטער.**

**דעם דיכטערס „אָפּגעשפּאָרטער פֿאַרמעגן" דערמאָנט זייער שטאַרק אָן פֿאַר־מעגן פֿון שוסטער.**

מיין היינט — אַ קליינער גאָרטן
אַ שטיל פֿאַרלעגן אָרט.
איך לעב פֿון אָפּגעשפּאָרטן,
וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט?

אַ חלום וואָס געדענקט זיך,
אַ שמייכל פֿון אַ פֿריינט,
אַ וואָרט נאָך וואָס עס בענקט זיך,
אַ ליד געענוג פֿאַר היינט . . .

ביים טויער — צוויי ציפּרעסן —
וואָס הוידען זיך אין ווינט
און לאָזן ניט פֿאַרגעסן
אַז שעה נאָך שעה פֿאַרשווינדט.

**די ציפּרעסן זיינען אים געבליבן אויף שטענדיק אין זיין געדעכעניש. ער לעבט זיי דיכטעריש אויף, ווייל ער האָט אידענטיפֿיצירט זיין נשמה־אָנגע־לאָדנקייט מיט זייערער, ווען ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער קאָסמישקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך דורך זיי. ער האָט אַריינגעלייענט און אַרויסגעלייענט פֿון זיי ווי פֿון אַ בוך מיט פֿאַרבאָרגענישן, זיין אייגענעם טרויער, זיין ליד, זיין טרער, די שטילע סודות פֿון זיין האַרץ און די בענקענישן פֿון זיין נשמה.**

די ציפּרעסן די שומרים פֿון דער נאַכט!

זיי היטן נאַכט און טויער.
איך זע זיי קוים, נאָר כ׳הער
ווי ס׳וויינט אין זיי מיין טרויער
מיין האַרץ, מיין ליד, מיין טרער.

ציפּרעסן, זייט מיר עדות!
פאַרצייכנט און געדענקט
אַ האַרץ מיט שטילע סודות
וואָס בענקט און בענקט און בענקט . . .

דעם דיכטערס האַרץ האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן מיט שטילע סודות און מיט אַ בענקעניש נאָך זייער אַנטפּלעקונג. אין די טיפע סודות׳דיקע שטילקייטן פון זיין נשמה האָט ער אויסגעבענקט און אויסגעפיבערט אַ וועלט־באַנעם, אַ וועלט־צוגאַנג און אַ שיקזאַלישן אויפנעם פון קאָסמישער רעאַליטעט און אירע טראַנסצעדענטאַלע געשעענישן אויסער צייט און שטח. די דאָזיקע אויסגעבענקטקייט און אויסגעחלומטקייט פון אַ יש מאין קוואַלט אַרויס פאַר אים אַ פריידיקייט, וואָס גרעניצט זיך מיט גליקזעליקייט און וואָס זינגט זיך אַרויס פון זיין דיכטונג.

אַזאַ געזאַנג הערט זיך אויך אַרויס פון די שורות אין זיין דריטן ליד „צוויי ביימער״. דאָס זיינען צוויי ביימער, וואָס איינעם פון זיי האָט דער דיכטער אַליין געצייכנט, דעם צווייטן האָט אַן אַנדערער געמאָלן. צו דעם מאָלער פון צווייטן בוים זאָגט דער דיכטער:

דו האָסט דיין בוים געמאָלן
אין פאַרבן כל׳ערליי.
די צווייגן גרין ווי ים־שוים
די בליטן ווייס ווי שניי.
ס׳איז שבט. עס שנייט אין דרויסן.
דיין בוים איז גרין און בליט.
באמת שיין . . . מקנא
בין איך אים אָבער ניט.

און ער איז אים ניט מקנא דערפאַר וואָס ער — דער דיכטער — פילט ניט קיין טעם אין אַ פרילינג, וואָס האָט ניט קיין האַרבסט, און ער זעט אויך ניט קיין זין אין אַ בליען פון דעם וואָס ווייס ניט ווען ער שטאַרבט. ער באַצייכנט אַלס נאָר דעם יעניקן וועמעס אויג זוכט נאָר תענוג און דאָס האַרץ — נאָר טרייסט. ער פרעגט דעם מאָלער פון צווייטן בוים:

צי ווייסטו ניט? הנאה
איז אויך פאַראַן אין צער?

הנאה אין צער! — איז שוין א פילאָזאָפישער אַנוואונק אויף אַ סינטעטישן אויפנעם פון לעבנס שטראָם און אוניווערסאַלן אַנפיר פון וועלט געשעענישן און פאַרקומענישן. דאָס איז שוין אַ מעטאַפיזישער רמז אויף אַ דיכטעריש־אינטואיטיווער דערשפּירונג און לויטערער וויזיע פון אַן אייביקייט וואָס מאַ־ניפעסטירט זיך צוויי אָדער מער געשטאַלטיקט. דאָס איז שוין אַ פילאָזאָפישע דערמאַנונג אין אַ סובסטאַנץ אָדער אַ טראַנסצעדענטאַלער עקזיסטענץ וואָס, ווי אַן אייביק פלאַקערדיקער פייער, שפּריצט זיך פאַנאַנדער אין אָן א שיעור

פונקען, אָדער וואָס ווי אַן אומדערשעפּלעכער געוואַסער קוואַלט ארויס אַלערליי פאַרשידנאַרטיקע שטראָמען. אין אַזאַ דיכטעריש־אינטואיטיווער דערשפּירונג און ליטעראַרער וויזיע נעמט ער אויך אַ קאָסמישן באַוואוסטזיין, וואָס לייגט אויס דאָס מענטשלעך באַוואוסטזיניק לעבן אין אַלערליי טעזן און אַנטיטעזן.

אין זיין דיכטונג פילט זיך אויך אַ התגלות־דערקענטעניש פון דער איי־ביקייט, וואָס אַ דורכגעדרונגענע מיט אַ קאָסמישן באַוואוסטזיין, וואָס איז אין זיך גופא אַן איין־און־איינציקע געשטאַלט — דער אחד פון דער געטלעכקייט. זי איז דער איין־און־איינציקער מקור האש, מקור המים און מקור החיים — דער איין און איינציקער פייער־וואַסער־און־לעבנס־קוואַל. זי איז די סינטעטיש־קייט פון אַלע טעזן און אַנטיטעזן, זי איז די סימפאָנישע האַרמאָניע פון די פאַרשידנאַרטיקסטע קלאַנגען און טענער וואָס, ווען זיי גיסן זיך אין איר צו־נויף, באַקומט זי אַן עסטעטישן און אַלגעמיין קולטורישן זין פאַר דעם מענטש אין די דערהויבנסטע מאָמענטן· אין אַזעלכע רגעס ווערט ער באַהערשט פון אַן איבערבאַוואוסטזיניקער דערקענטעניש, און דערפילט די אומבאַגרעניצטע מעג־לעכקייטן פאַר דער פאַרטיפונג און דערהויבונג פון מענטשלעכן גייסט און נשמה. אין אַזאַ דערקענטעניש מאָמענט, קריצן זיך אויס אויפן פּאַפּיר אַזעלכע ווער־טער, וואָס אין זיי אַנטפּלעקט צו אונדז ה. לייוויק זיינע אַ הרף עין׳דיקע דער־שפּירונג. איך האָב — שרייבט ה. לייוויק — „געשפּירט ווי איבער מיר הויערט דער טיף אין שלאָף פאַרזונקענער גאָט פון ישראל. איך האָב מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. מיטאַמאָל האָט זיך מיר אָנגעהויבן קלאָר דאַכטן, אַז איך זע ווי אַן אויג, איבער מיר נעמט זיך עפּענען, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. צע־עפנט זיך און קוקט מוטיק שאַרף און תרעומות׳דיק.*)

פאַרטיפטע און דערהויבענע נשמות קאָנען אין געוויסע, גאָר געציילטע רגעס פון זייער לעבן פילן הנאה און צער, אַ זעליקייט און טראַגיק וואָס ווערט איין הרף עין פאַרוואַנדלט אין גליקזעליקייט, וואָס דערפרישט און דערמוטיקט מענטשנס לעבנס דערהאַלטונג. דאָס איז די רגע פון מענטשנס איינס־ווערן מיט דער אייביקייט, פון זיין אריינרינגלען זיך אין יענער עקזיסטענץ, וואָס שטראַלט ארויס פון זיך צייט און רוים, און אַליין איז זי איבערצייטלעך און איבעררוימלעך — אַליין איז זי אייביק. אין אַ צונויפגוס מיט דער אייביקייט, דערפילט זיך מענטש ווי אַ ניצוץ פון דער געטלעכקייט, און דער זאָג „בצלם אלוהם ברא אותו״ קריגט פאַר אים מער זין און מיין.

דערפאַר האָב איך געצייכנט\
מיין בוים אין ווייס און שוואַרץ.\
שטאַט בלעטער — בליטן אותיות\
אין פורעם פון מיין האַרץ.

ער בליט ביי מיר אין פרילינג,\
ווערט רייף אין תמוז, אָב.\
די בלעטער זיינען אותיות\
פון אַלף ביזקל תו.

---

*) „צוקונפט״, דעצעמבער 1955.

דאָס מידנסטע אות איז כישוף,
דאָס קלענסטע וואָרט איז נס
— ווי לייגט מען אויס גאָטס נאָמען?
שרייב: גימל, אלף, טית!

פון קליינטשינקע דריי אותיות,
ווי — אַלף, מם און תו
גייט אויף די שטראַלונג — אמת!
די קרוין פאַר למד־וואָוו.

אָ האַרץ מיינס! גוטער גאָלדשמיד!
נעם שמיד מיר אויס · . . נעם שמיד
פון למד, יוד און דלת
דאָס צויבער־רינגל — ליד!

דער געטלעכער אמת און שיינקייט וואָס צויבערן אַרויס פון דיכטערס ליד — דאָס איז זיין אָפּגעשפּאָרטער פּאַרמעגן, וואָס איז אַ רעליגיעז־עטיש־מעטאַפיזישער. נאָר אַ דיכטער מיט אזא פּאַרמעגן קאָנן זינגען „דאָס ליד פון בלויער ליבשאַפט" — דאָס פּערטע ליד אין דער סעריע „בלויע לידער".

דער דכטער האָט ליב דעם שיפער, ווייל ער איז ערב, אַז ער וועט אים בשלום אַריבערפירן צום לאַנד פון בלויען חלום. ער גיט זיך גערן איבער אין דער האַנט פון בלויען שיפער, און הינטער זיינע זעגלען שווימט ער אַריבער דעם ים. ער האָט ליב די בלויע וועלן, דעם בלויען אָוונט־שטערן, דאָס בלוי פון רויך און רעגן און פון טוי און טרערן, אָבער מער פון אַלץ — דאָס לאַנד דאָס בלויע.

דער שיפער איז דיר ערב . . .
געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען,
ער וועט צום לאַנד דעם בלויען
דיך ברענגען, אָמן, אמן.

דעם דיכטערס מעטאַפיזישע דערקענטעניש און זיינע פאַנטאַסטיש קינ־סטלערישע וויזיעס פון באחרית הימים'דיקע וועלטן לאָזן אים פונדעסטוועגן ניט אלעמאָל רוען אין בלויער ליבשאַפט, און שטענדיקן זינגען לויב געזאַנגען צו גאָט. דאָס איז ניט מעגלעך אין אַ מענטשנס לעבן אויף דער וועלט, וואָס צאַפּלט זיך אין די נעצן פון טעזן און אַנטיטעזן. זיין נשמה, ווי די נשמות פון אַ סך מענטשן, שעפערישע און ניט שעפערישע, ווערט אויך אָפּט אויפגעציטערט פון דער שוואַרצקייט וואָס עס טראָגן עס אין זיך די טעזישע פולסירונגען פון זיין אייגענעם לעבן און פון דעם לעצן פון מענטש און מענטשהייט בכלל. ער פילט פון צייט צו צייט אויך דאָס שלעכטס אין דער וועלט, וואָס רינגלט אונדז ארום און פילט אָן אלע קעמערלעך פון דער נשמה ביז צו אַן אינטענסיוויטעט וואָס מאַכט לייב און לעבן נישט ניחא. ער לעבט איבער אין געוויסע מאָמענטן אַ צער אין וועלכע די הנאה ווערט אויסגעטריפן ביז צום לעצטן טראָפּן. געטריבן פון אַזעלכע געפילן וואַרפט זיך זיין וועזן, ווי דער וועזן פון יעדן בר־דעת, אין די נעצן פון אגאָניש־מאַטערנדיקע ספקות און וואַקלענישן, וואָס פירן צו דער אויסגעוועפּטקייט פון יענער זעליקייט, וואָס באַרואיקט די נשמה און שטילט

אין דעם גייסט. און דערפֿאַר שליסט ה. רויזענבלאַט זיין סעריע „בלויע לידער" מיט די שורות:

פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון שטאָט צו שטאָט דער נרדף יאָגט
און טראָגט ביי זיך אין בלוט דעם אָוונט שטערנ׳ס פֿלאַם,
דאָס בענקען פֿון די שטערן און דעם טרויער פֿון דער ערד
די איינזאַמקייט פֿון מדבר אין דעם אומרו פֿון דעם ים.

אין די „בלויע לידער", ווי אין אַ סך אַנדערע לידער זיינע, פֿאָלגט ער אויס דעם באַפֿעל פֿון פּרצ׳ס וואַנדערער אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". דער וואַנדערער וויל פֿון יעגער, וואָס טרייבט אַלע און אים נאָך שנעלער, אַז ער זאָל דורכנאַנד שפּינען —

שפּין גרוי, שפּין שוואַרץ,
שפּין רויט . . .
קאָנסט אויך די פֿאַרבן מישן
צוזאַמען וועבן . . .
נאָר שפּין, שפּין פֿון לעבן,
שפּין פֿון טויט און פֿון צווישן.

ה. רויזענבלאַט שפּינט ווייס און שוואַרץ, גרוי, רויט און בלוי — ער מישט די פֿאַרבן, ער וועבט זיי צוזאַמען, אָבער אַלץ וואָס ער שפּינט, איז פֿון לעבן און טויט, ווי אויך פֿון נאָך לעבן און נאָך טויט — ער שפּינט אייביקייט.

---

**מאַטעס דייטש**

## די פֿרייד פֿון שאַפֿן אַמאָל און היינט

אויב דער שעפֿערישער מענטש ווייסט ביי זיך אפֿילו יאָ אַז ס׳איז נישטאָ דער אָפּנעמער, דער אויפֿמאַנער, אָט־דער פֿאַר אים אַזוי נייטיקער באַוואונדערער וואָס זאָל פֿאַרכאַפּט ווערן פֿונעם באַשאַפֿער׳ס באשאף; איז אויב אַזאַ יחיד פֿעלט אים אויס, אין די זעלטענע מאָמענטן, ווערט ער נאָך אַלץ ניט צוליב דעם און איבער דעם — אויס שאַפֿער; חלילה!

אויב אַזאַ מין באַוואונדערער איז טאַקע באמת ניטאָ, איז דאָך לגמרי ניט שייך צו זאָגן אַז אָט די־אָ ספּעציפֿישע פֿרייד (וואָס אַזאַ איינעמס זיין וואָלט אוודאי געבראַכט מיט זיך) איז יאָ פֿאַראַן ביים שאַפֿער? געוויס פֿעלט זי אים אויס זייער און זייער; דאָס איז ניט צום לייקענען.

איז וועגן דעם גאָר נישט שייך צו ברייען.

אויב אָבער אָט די פֿרייד איז טאַקע פֿונעם שאַפֿער באַרויבט געוואָרן, דאַן מוז ער זיך בלויז באַנוגענען מיט דער איינציקער פּאָזיטיווער פֿרייד וואָס איז יאָ דאָ ביי אים — די פֿרייד (כאָטש זי איז צוזאַמען מיט טרויער) קומט צו אים נאָר אויס־זיין — אייגענעם שאַפֿן: דאָס פֿורעמען, דאָס געשטאַלטן, דאָס באַלייבן און אַרויסשלאָגן פֿון דער שטייניקייט — בעתן פּראָצעס פֿון שאַפֿן — לעבנס־פֿונקען, אויספּאַלדעווען אויסן־ליים־אַרויס — דעם צלם פֿון לעבן בכלל, היינט

אַ פּשיטאָ ווען עס געלינגט אים נאָך אין זיין קינסטלערישער עמאָציע צו קאָאָרדי־נירן אידייע און פֿאַרלאַנג, דאַן דערגייט ער צו דער מדרגה פֿון ספּעציפֿישער אייגנקייט און עקספּרעסיע פֿאַרקערפּערט זיין ווילן; ממילא איז עס שוין פֿאַר זיך גופא אַ הויכער דערגרייך וואָס לאָזט איבער אַ גרויסע פֿרייד אין אים וואָס נערט אים מיט די וויטאַמינען־מוטיקייט.

סע איז אַ באַוואוסטזיניקע פֿרייד.

מחמת די פֿרייד פֿון שאַפֿן, וואָס דער קינסטלער ווייסט יאָ פֿון איר, איז אַ טראַכטנדיקע, פֿול מיט פֿאַנטאַזיע און מעדיטאַציע.

און טראַכטן — מחמת עס פֿילט אָן דעם גאַנצן נפֿש מיט דער זכיהדיקער שפּירעוודיקייט פֿון זעלבסטזיין אין דער לעבעדיקער וואַכיקייט — איז גאָר אַ באַזונדערע פֿרייד פֿון אויסדערוויילטקייט.

אָט די ליכטיקע פֿרייד קאָן ניט אַוועקגענומען ווערן פֿון אים; דער ערגסטער פּעסעמיזם איז עס ניט אומשטאַנד; אַפֿילו ניט אַזאַ צומאָלס וואָס זאָגט אים, טאָג נאָך טאָג, אין זיין עמפּינדלעכן אויער דאָס ערגסטע שעבערגסטע: קיין אָפּנעמער איז ניטאָ, קיין באַוואונדערער אויך נישט וואָס זאָל דיך, שאַפֿערישן מענטשן, צוטיילן אַביסל באַזונדעריקע אינספּיראַציע פֿאַר דיין מיענדיקער פֿאַנטאַזיע.

וואָס ס'איז יאָ דאָ, בפֿועל ממש, איז די דינע פֿרייד פֿון שאַפֿן, שאַפֿן, שאַפֿן — רק שאַפֿן!

אמת און וואָרהאַפּטיק!

אָט די זעלבסטפֿריידיקייט בלייבט ביים שאַפֿער צוקאָפּנס און באַשירעמט אים ווי דער אור־הגנוז; זי בלייבט מיט אים ווייל נאָר אַ דאַנק איר איז ער מסוגל אויסצוהאַלטן זיין קינסטלערישן עלנט אין זיין אַליינקייט (ווען ספֿקות הייבן אים אָן צו גריזשען) און כדי זיין עקשנות ביי אים זאָל זיך נישט נאָכגיבן אויף זיך אַ לאָז טון צו די אָפֿענע ראַמפּעס פֿון לייכטן ווידערשטאַנד.

אָט די פֿרייד איז זיין אינדזל.

כאָטש פֿון דערפֿאַרונג האָבן מיר געלערנט אַז דער שעפֿערישער מענטש נאַרט זיך נישט, קיינמאָל נישט.

הגם פֿריי פֿון ספֿקות איז ער על כל פּנים ניט.

דעריבער באַנוגנט ער זיך נאָר מיט דער פֿרייד וואָס קומט צו אים פֿון זיין וואַרשטאַט; און — ווער ווייסט — אפֿשר איז גאָר ביי אים קיין גרעסערע, קיין עקזאַלטירטע פֿרייד נישטאָ פֿאַר אים אין ערגיץ נישט?

אויסגעשלאָסן ווי סע איז.

דעריבער איז טאַקע גוט וואָס ער ווייסט דערפֿון ווען דליק אים איז עס באַווילקט צו וויסן דורך דער מאַניפֿעסטאַציע וואָס פֿאָטאָגראַפֿירט פֿאַר אים די טרויעריקע ווירקלעכקייט.

און קעגן דער פֿאַרחתמעטער ווירקלעכקייט ראַנגלט ער זיך מיט זיין איינ־ציקער טרייסט:

שאַפֿן, שאַפֿן, שאַפֿן.

וואָרן די פֿרייד פֿון שאַפֿן וואָס דער שאַפֿער ווייסט יאָ פֿון איר, קאָן קיינער ניט צעשטערן אַזוי לייכט, מחמת זי קומט מיט דער גאַנצער אינטענסיווער ליידנ־שאַפֿט אינעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן — אָט דעם דינאַמישן כוח איז קיינער, לכל הפּחות, ניט מסוגל פֿון אים אָפּצוהאַלטן.

די דאָזיקע פרייד איז זיין איינציק־נאָענטסטע חברשאַפט.

לעבט ער טאַקע מיט איר זיין זיווגדיק האַרמאָניש לעבן:

שאַפן, שאַפן, שאַפן.

שאַפן איז — דנאָלאָז . . .

אינפיניטיוו.

און מכוח דעם איז כדאי צו פאַרצייכענען אַזאַ סאָרט זאָג:

דער אונטערשייד פון אַ געוויינלעכן מענטש ביז אַ שאַפערישן איז דער — דנאָ. אַ פשוטער מענטש איז געגליכן צו אַ כלי מיט אַ דנאָ; דער קרעאַטיווער צו אַ כלי — אָן אַ דנאָ . . .

וואָס איז די טיפקייט פון ים לגבי די טיף פון שעפערישקייט ווען דער טיפער ים איז פאָרט דנאָאיק?!

שעפערישקייט איז אומדנאָיק; זי בלייבט פאַר דורות צו טויכן און זוכן אין איר אַ דנאָיקייט וואָס איז אוממעגלעך דערגרונטעווען מחמת זי איז תהומיק ווי צייט און רוים.

אַזוי אינפיניטיוו פאַרשלאָסן איז אויך די פרייד ביים שאַפער ווען ער שאַפט זיינע אויסדערוויילטע באַשאַפן.

די ערשטע אויסהערער זיינע, די צוקוקער און אויפנעמער פון זיין ווערק, זיינען די פיר ווענט וואָס גיבן אים באַשיצטקייט פון דער וואולגאַרער גאַס מיט אירע קולי קולותדיקע פאַסטקעס וועלכע ווילן אים דווקא אַריינכאַפן ווי אַן אָקטאָפּוס און פון אים אויסזויגן די זאַפט וואָס פאַר איר איז זי נייטיק צום רימל פון איר גאַסנקולט. די פיר ווענט לאָזן זי ניט צו.

ס׳איז בפירוש נאָר לטובת דער שעפערישקייט וואָס די פיר ווענט זיינען ווי אַ שוצפעסטונג און זיי לאָזן ניט צו צום שאַפער קיין פאַרטומלעניש; זי, די גאַס, איז דאָך שוין נישט מער ווי די גאַס פון אַמאָליקן אטן במי סאָקראַטוס; צי די מאַרקטויערן פון ירושלים וואָס האָבן פאַרמאָגט אָפנעמער און באַוואונדערער — די בעסטע אויערן . . . זיי האָבן אויפגענומען דעם שאַפער׳ס רייד און נייעם געדאַנק.

בועז גייט צו די עלצטע וואָס זיצן ביי די טויערן פון ירושלים צו פאָדערן חליצה פאַר רותן; האָמער לייענט אַ ליד (זינגט) און די גאַס האַלט איין איר טעמפאָ; זי הערט זיך איין מיט איר אויער צום קול פון בועז׳ן וואָס טענהט פאַר רותן; צום קול פון האָמערן . . .

ס׳איז געווען אַ שעפערישע גאַס.

פונעם בעל פה — גלייך אין צוהערערס אויער אַריין.

דער שאַפער האָט געכאָוועט אַ טאָפּעלטע פרייד אין זיך: בעתן שאַפן און אויך בעתן אַרויסטראָגן זיין ווערק אין סאַמע האַרץ פון מאַרק־פּלאַץ. ס׳אַרא מאַרק־פּלאַץ . . . דער נביא האָט געבראַכט גאָסט וואָרט . . . ס׳איז געווען אַ מאַרקפּלאַץ פאַר תורה און קונסט; אַ מאַרקפּלאַץ וואָס האָט — כאָטש זייענדיק פאָרט אַ מאַרק — דאָך באַין אופן ניט אַרויפגעצויגן אויפן שאַפער איר וואָג־און־מאָס.

דער שאַפער פון אַטאָמישן יאָרהונדערט דאַנקט פאַר די געגעבענע פיר ווענט, ווייל ער לעבט אין אַ צייט וואָס זיי האָבן אים פיל אָפּגעהיטן און אים געראַטעוועט זיין גאַנצקייט — ניט אָפּגערויבט פון אים די עכטע שעפערישע פרייד זיינע וואָס צעשטרייעט אים אין זיינע יאושדיקע ספקות ווען ער טראַכט

וועגן דעם באַטייט פון אַמאָליקן מאַרקפּלאַץ וואָס האָט געווימלט מיט שעפּעריש־קייט און פאַרגלייכט אים מיט דעם מצב פון היינטיקער שעפּערישער מאַרקלאָזי־קייט. דאָס צאַנקען פון אַ געוועזענעם ליטעראַרישן יאַריד . . .

יאָ, דער דאַמלסדיקער מאַרקפּלאַץ איז געווען מיט אַ סך דנאָיקע כלים, אָבער די כלי — שעפּערישקייט — אומדנאָיק . . .

די פרייד פון שאַפן פּילט אָן דעם שאַפער מיט מורשי־לבב און דאָס איז די געזונטסטע און קערנדיקסטע מעלה וואָס דעם יוצר איז באַשערט צו געניסן אין זיין ראָל פון יצירה־אַקט. ער האַלט זיך דעריבער אָן אין דעם ווי עס וואָלט געווען אָן עשה פון די צען געבאָט. בלויז דאָס איז דאָס עכטע גאָלדענע רענדל, דאָס פּילע טומלעניש אַרום דעם — נישט מער ווי דער אָפּקלאַנג פון דעם שאַפער׳ס עכטער מטבע . . .

צו דער פרייד פון עצם שאַפן — קומט עס ניט.

ווייל די טרייבקראַפט פון שאַפן , אַמאָל און היינט, איז נאָך אַלץ די אינטימסטע לעבעדיקע כוואַליע — פרייד פון שאַפן.

---

ז. בונין

## ווען איר וועט, קינדער מיינע

ליבעלעס ליכטיקן אָנדענק

ווען איר וועט, קינדער מיינע,
צוריקקערן אַהיים
פון אייער זומער־וואַקאַציע,
וועט איר טרעפן דעם אַלעאַנדער־בוים
און די אַקאַציע
שיין צעוואַקסן און געראָטן;
דער פייגן־בוים
פון שטאַם ביז קרוין
מיט פייגן אָפּגעשאָטן.
דאַכט זיך אַלץ איז ווי געווען,
אַלץ איז ווי געווען.
נאָר די צווייגן פון די ביימער
אין די לעצטע צען וואָכן
זעען אויס ווי הענט
אין צער פאַרבראָכן.
און אויפן גראָז ביים הויז —
ביי די ערשטע שטראַלן פון
פרימאָרגן גרוי —
פּערלען אָפּגעקילטע טרערן
אנשטאט דערפרישנדיקן טוי.
אין אַ צימער
וואו געשטאַנען איז אַ בעט,
וויינט אַ ליידיק שטיקל וואַנט

ווי ס'וויינט אַן אַרבל
וואָס פאַרלוירן האָט די האַנט.
און פון שראַנק
וואו ערשט געהאנגען זיינען פרויען־קליידער
און אַנטרונען,
שרייט אַרויס אַ שטומער חלל
ווי פון אַ שאַרבן אויגן איוסגערונען.

נאָר ביי דעם גלאָזן־שיסל
אויפן ווינקל־טישל
ווערט שטוינען אייער בליק:
נאָך שווימען אַלץ צוויי פישעלעך אַרום
הין — צוריק,
הין — צוריק . . .

און ווען איר'ט הערן טראָפּנס טריפן
טראָפּ נאָך טראָפּ
ווי עס טריפן טראָפּנס פון אַן אָנגעשפּאָלטן טאָפּ
זאָלט איר זיי צוזאַמענקלייבן
און ווי פּערל ציילן
— מיינע טרערן טראָפּנס
טראָפּ נאָך טראָפּ.

---

פּינטשע בערמאַן

## אין שפּיטאָל

מיט מאַמעשע אויגן און מאַמעשע הענט
עם בויגט זיך די „שוועסטער" אַריבער מיין בעט —
און יעדע באַוועגונג פון איר איז אַ בלענד,
און יעטוועדער אָנריר פון איר איז אַ גלעט.

און שטיל, ווי אויף פליגל פון טויבן אין לופט,
עס פלאַטערט אַ לויטערע ווייסקייט אַרום.
און טיף אין דיין זעל עפּעס וועקט דיך און רופט,
און ס'ווערט דיר דיין ווייטאַק פאַרשטילט און פאַרשטומט.

גייט אויף אין דיין האַרץ דאָס געזאַנג פון אַ ליד.
ווערסטו, אַ מידער, פאַרוויגט ווי אַ קינד.
ווערט אַזוי גוט, אַזוי לייכט דיין געמיט.
טרוימסטו פון בלומען, פון זון און פון ווינט.

ערשט נעכטן אַ פרעמדער צו מענטש און צו גאָט,
אויף פלאַמיקן בריק און צעזשאַרעטן שליאַך,
אַליין, אין דעם רעש און דעם קאָך פון דער שטאָט,
געזוכט וואו אַ באָדן, אַן אָנלען, אַ דאַך . . .

און היינט, מיט אויגן צעגלאַצטע און שטאַר,
צעבראָכענער קערפּער — איז טראַגסטו אַ קריין.
דו ביסט היינט אַ קעניג, אַ מעכטיקער האַר,
און אַלץ איז פאַר דיר היינט, פאַר דיר נאָר אַליין . . .
שפּרייט זיך אַ טוי אויס אויף אויגן פאַרברענט . . .
בויגט זיך די „שוועסטער" אַריבער מיין בעט —
און יעדע באַוועגונג פון איר איז אַ בלענד,
און יעטוועדער אָנריר פון איר איז אַ גלעט.

---

**נח גאָלדבערג**

# ש ט ו ר ע ם

(דערציילונג)

הינטער דעם טיפן און געדיכטן יעלאָוון וואַלד האָט זיך רחבותדיק אויסגעשפּרייט דאָס שטילע שטעטל ליבאַניטש. זומער־צייט איז זי געווען אַן איינגעטונקטע אין זעטיקע סעדער. זייערע באַרימטע „לאַדיש־באַרן", די זאַפטיקע „אַנטאָנאָוועקעס" מיט די רויט־בעקלדיקע „ציגאַנקע־עפּל" און די פייערדיקע קאַרשן, וואָס האָבן געפינקלט אין דער זון, ווי אין זיי וואָלטן חנוכה־ליכטלעך געברענט; און די פליישיקע פלוימען מיט די האַריקע אַגרעסן, אויף די שטעכיקע קוסטעס — האָבן אויף וויאָרסטן אַרום פאַרשיכורט די לופט מיטן אַראָמאַט פון צייטיקע פּרות.

די סעדער מיט די גרינע גערטנער אַרום יעדן שטוב און שטיבל — האָבן דאָס שטעטל צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן חן, און דער בלעכערנער „האָן" אויפן „מאַיאַק" פון דער „פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע" איז געווען אַזוי „גרינג אויף די פיס", אַז אפילו אינם קלענסטן ווינטל האָט ער זיך געדרייט אַרום זיך אַליין.

אין די ווינטערס איז ליבאַניטש געלעגן אַ פאַרטייעטע, אַן איינגעדעקטע מט אַ דיקער ווייסער פּערענע און געציטערט פון קעלט. דער שניי איז דאַ שטענדיק געווען אַזוי הויך, אַז די שפּיציקע דעכער פון די נגידישע הייזער האָבן זיך קוים אַרויסגעזען. איז דער „האָן", אַן אַרומגעכאַפּטער פון פראָסט — געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער און מער שוין ניט געהנדלט זיך מיט זיין „רויטן קאַם".

און די בליאַסקענדיקע צלמים פון דער „צערקווע" און פונם „קאָסציאָל" האָבן נאָך חוצפּהדיקער געשניטן די דינע, בלויע לופט. בלויז דער ציגלנער קוימען פון דער גרויסער, מתנגדישער שול, מיט זיינע רויטע באַקן, וואָס קיין שום שניי האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעקלעפּט צו זיי — איז געשטאַנען שמונה־עשרה און אָנגעזאָגט די שטעטלדיקע יידן, אַז אין שול האָט זיך געהייצט די קאַלכערנע הרובע און ישיבה־בחורים האָבן געלערנט אין דער וואַרעם.

איז ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען די נאַציס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף פּוילן און אָנגעהויבן דערנענטערן זיך צו ליבאַניטש, וואָס האָט לויטן קאַלטן שכל גאָר געדאַרפט געהערן צו די רוסן און איז פאַרט פאַרבליבן ביי די „פּאַנעס" — האָט דאָס שטעטל קיין מגע־ומשע ניט געהאַט מיט דער אַרומיקער וועלט און די גויים מיט די יידן זיינען אויסגעקומען צווישן זיך, ווי אמתע גוטע שכנים.

נאָר איצט, אַ שטיק אין האַרבסט, אַז פון ווייטן האָבן זיך אָנגעהויבן הערן און דערנענטערן די אָפּהילך־שאָסן פון די „האוויצער קאַנאָנען" — האָט זיך איבערן שטעטל צעפלאַקערט די ביטערע שנאה, וואָס איז מסתמא ביז אַהער געווען פאַרבאַהאַלטן ביי יעדן גוי טיף אין האַרצן.

אַז די יידן האָבן דערפילט די שנאה פון די אייגענע שכנים און די געפאַר, וואָס האָט זיך געררוקט פאַראויס צוזאַמען מיט דער דערנענטערונג פונם „פראָנט" — זיינען זיי נאָך מיט אַ וואָך פריער אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. און כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט צי פון דאָרטן וועט מען זיך צוריקקערן לעבעדיקע — איז מען פונדעסטוועגן געלאָפן אַהין, און דאָ איבערגעלאָזט מענדל, דעם יונגן און געזונטן בעל־עגלה, זיין ווייב, מלכה, מיט זייער איינציק קינד, גיטעלע און אין סאַמע עק פון דער יידישער מינסקער גאַס, איז אויך פאַרבליבן חנא דער אלמן, אָדער ווי די ווייס־חברהניקעס פלעגן רופן דעם פופציק־יעריקן סטאָליער: „חנא די באָרד".

זיי זיינען ניט אַוועקגעפאָרן, מחמת סיי מענדל און סיי חנא האָבן אָפּריער געוואָלט פאַרקויפן די שטיבלעך, וואָס איז זיי פאַרבליבן בירושה פון זייערע עלטערן און בפרט, אַז ביים בעל־עגלה איז געווען אַ פלינקער, בורער פערד, האָבן ביידע יידן גערעכנט און אויסגערעכנט, אַז אויב זיי וועלן זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — וועלן זיי אַלץ איינס אָניאָגן די אָפּציענדיקע עדה.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַלשער חשבון. ווייל גראָדע האָט זיך מאָנטיק אינדערפרי דערהערט אַ שוואַכער גערויש פון מאָטאָרן, וואָס איז פון רגע צו רגע און פון מינוט צו מינוט רוישיקער געוואָרן. דאַמאָלסט איז מענדל אַרויס־געלאָפן אין הויף און אַ נייגעריקער פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל: „אַ שטאָ־לענער פויגל" האָט זיך געטראָגן ווי אַ בליץ. דערנאָך אַראָפּגעלאָזט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער איבער דער מינסקער גאַס און אָנגעהויבן צו באַ־שפייען זי מיט קוילן פון מאַשין־ביקסן.

מענדל האָט זיך צוגעליימט צום ראַג־שטיבל. די צווייענדיקע בערוועגעס, אַריינגעביסענע איינע אין דער אַנדערער — האָבן אים פאַרהיט פונם עראָפּלאַן, וואָס איז בלויז אַ פּאָר מאָל דורכגעפלויגן הין און צוריק, „דורכגעשטעפּט" די יידישע הייזער און צוריק פאַרשוואונדן אין די הימלען. זיין גערויש איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן און איבערגעלאָזט דאָס שטעטל אַ פאַרטייעטע פון שרעק.

אויך אין די דערבייאיקע, גוישע גאַסן איז ניט איין מענטש און ניט איין בהמה געפאַלן. עס איז אָבער געווען זייער מאָדנע, וואָס גראָדע די מינסקער גאַס איז געטראָפן געוואָרן אָם מיינסטן. אמת, העט שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ניט נאָר ליבאַניטש, נאָר יעדע שטאָט און שטעטל, איטלעכע יידישע הויז — איז נאָך פון פריער געווען אונטערגעשטראָכן מיט רויטע פאַ־סיקלעך ביי די נאַציס אויף זייערע לאַנד־קאַרטעס . . .

ווען דער עראָפּלאַן איז נעלם געוואָרן, איז מענדל אַריינגעגאַנגען צוריק צו זיך אין שטיבל און דאָס האַרץ האָט זיך אים אַ ריס געטאָן פון אָרט. די הויכע, איינגעטיקעטע פיגור, מיט די געזעצטע פלייצעס — איז מיטאַמאָל גע־וואָרן קליין, מאַכטלאָז און איינגעהויקערט. די כוחות פון די הענט און פיס

— אויסגערונען. די דרייסיק יעריקע שוואַרצע פּאַטלע האָר איז אין איין רגע געוואָרן ווייס, ווי פריש געפאַלענער שניי. אין די צעלופּעטע אויגן זיינען די שוואַרצאַפּלען שטיין געבליבן אין מיטן די ווייסלען און נישט — גערירט זיך פון די ערטער. די לאַנגע, געדיכטע ברעמען, וואָס זיינען אַלעמאָל אַראָפּגעהאנגען איבער די קאַשטאנענע אויגן — זיינען איצט געשטאַנען „דיבאַם" ווי ביי אַ צעווילדעוועטן טייוול און דער רויטלעכער פאַרב אויף זיין לענגלעכן פנים איז פארביטן געוואָרן אויף אַן אַשיק־גרויען קאַליר.

אַ האַלב צוזאַמענגעדרייטע, מיט איין האַנט צוגעקלעמט צום האַרצן — איז מלכה געלעגן אויפן מיטן דיל. פון איר צעעפנטן מויל איז נאָך געגאַנגען אַ גרינער שוים. פון צווישן די פולע, ווייסע, ארויסגעפאַלענע בריסט — האָט זיך געצויגן אַ רויטער, פייכטער שנירל. האָרט נעבן אירע פיס — איז גע־לעגן גיטעלע מיטן פנימל אַרויף. אירע שטאַרע, אָפענע אויגעלעך האָבן „געקוקט" אויף איין פינטעלע אין דער סטעליע און געמאכט דעם איינדרוק, ווי דאָס קינד וואָלט פון עפּעס געשטוינט . . .

ווי אַ געררירטער פון זינען, איז מענדל געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַן אומבאַ־וועגלעכער און אַ געפלעפטער. ער האָט ניט געקאָנט רירן מיט אַן אבר, און ניט פארשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער, דערנאָך, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף דער ערד ווי א פלאַכטע. מיט ציטער אין די הענט אַ טרייסל געגעבן די ווייב, דאָס קינד, און פון זיין האַלז האָבן זיך אַרויסגעריסן צוויי געציילטע ווערטער: — מלכה — גיטעלע!

דאָס געשריי האָט זיך צעטראָגן אין אַלע ווינקעלעך און אויסגעמישט זיך מיט דער ניט־דאָאיקער שטילקייט, וואָס איז אראָפּגעהאנגען פון דער מיטן סטעליע, ווי אַ גרויסער שוואָם, פאַרשפּרייט אַ מאָדנעם, קריכנדיקן פּחד, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביי מענדלען אין האַרצן מיט מוראדיקע קלעפּ און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס האַרץ זיינס וועט באַלד פּלאַצן, אָדער ארויסשפּרינגען פון ברוסט־קאַסטן.

סיי מלכה און סיי גיטעלע האָבן ניט געענטפערט, ניט גערירט זיך פון די ערטער און מענדל האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין אַלעמיי זיין ווייב מיטן קינד, וואָס האָבן אלעמאָל געלאכט און געשטיפט צווישן זיך, ניט ווי אַ מאמע מיט אַ טעכטערל, נאָר ווי צוויי חברטעס — זאָלן גאָר אנטשוויגן ווערן מיט אַ קאַלטן שווייגן און ניט וועלן ענטפערן אויף זיין שרייען און בעטן זיך ביי זיי:

— מלכה! גיטעלע! שטייט אויף! וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק, האַ? . ..

מער ווי די פּאָר ווערטער האָט ער ניט געקענט אַרויסריידן. אין קאָפּ האָט זיך אים עפּעס אַ מיש געגעבן. איבערן מאַרך איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפן, און דער שאַרבן האָט אָנגעהויבן דריקן ווי אַ שטיק בליי. אין האַרצן איז הויל געוואָרן. די פּאָר בענקלעך, דער טיש און אפילו דאָס קליין שפּיגעלע אויפן וואַנט — אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אין גערעג ווי אַ קארוסעל און דער געזונטער ייד איז געבליבן ליגן נעבן זיין ווייב און קינד, ווי ניט קיין אויסגעפורעמטע שטיק ליים.

דורך די שטיקלעך שויבן, וואָס זיינען נאָך געבליבן שטעקן אין די ראַמען פון די פענצטער האָט מען געקאָנט זען, אַז דער אָוונט איז שוין פון לאַנג אוועק זוכן דעם מאָרגנדיקן טאָג. פון דרויסן האָט אַהער אַריינגעקוקט די אומהיימ־

לעכע נאַכט און געפּרייט זיך, וואָס צום ערשטן מאָל האָט דאָ היינט קיינער קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן צו פאַרטרייבן איר שווארצן געשטאַלט אויף עטלעכע שפּאַנען הינטערן פענצטער.

ווי דורך אַ דיקער, טויבער וואַנט האָט מענדל געהערט: אַ גאַנצע נאַכט האָבן הינט געקלאָגט, געריסן זיך אויף די העלזער. אין וואַלד האָבן וועלף ניט אויפגעהערט צו וואָיען. זייער געוואָי האָט זיך אריינגעשניטן ביז צו די הימלען און ווען ס׳איז אויף אַ רגע אָפּגעשטאָרבן, איז די שרעקלעכע שטילקייט נאָך שטילער און פיינלעכער געוואָרן. נאָר לאַנג האָט דאָס ניט געדויערט. באלד איז דאָס וואָיען ווידער אויפגעגאנגען און די נאַכטיקע לופט איז פארגליווערט געוואָרן. דאָס האָט אָנגעהאלטן ביז עס האָט זיך באַוויזן דער גרויסער, בלויער מאָרגן־שטערן און ס׳האָט אָנגעהויבן שארייען אויף טאָג. און דעם אָבל איז אַ שוואכער געדאנק אָנגעלאָפן, אַז מסתמא האָבן די הינט מיט די וועלף דער־זען דעם מלאך־המות . . .

מענדל האָט אַזוי געוואָלט ליגן אינם הינער־פּלעט ביז דער לעצטער פונק פון זיין לעבן וואָלט אויסגעלאָשן געוואָרן. אָבער, מיטאמאָל האָט ער דערפילט ווי עמיצער איז מיט שטילע טריט אריינגעגאנגען אין שטיבל. אַ שטיק צייט געשטאַנען אויף איין אָרט. אודאי ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער גרויליקער סצענע. נאָר נאָכדעם איז דער מענטש צוגעגאנגען נאָענט און מיט אַ נאַסן, קאַלטן האַנטוך געווישט דעם אבלס האַלב פארחלשט פּנים:

— מענדל, שטיי אויף! . . . אַ ייד טאָר זיך אַזוי ניט אָפּלאָזן! . . . שטיי אויף! ס׳איז שוין גרויסער טאָג אויף דער וועלט . . .

דער בעל־עגלה האָט געעפנט איין אויג, דאָס אנדערע, און געזען: איבער אים זיינען געשטאַנען אַ פּאָר אויגן, א שווארצע, קאַלטענעוואטע באָרד, וואָס האָט ארומגעזוימט א בלאסן פּנים און כאָטש מענדל האָט ביי זיך אויפן באַק דערפילט די נאסקייט פון יענעמס טרערן — האָט ער אויף קלאָר ניט געקאנט טרעפן: ווער איז דאָס דער מענטש? וואָס וויל ער האָבן? . . . און אים האָט ארומגענומען א פארדרוס אויף דעם ניט געבעטענעם אורח, וואָס האָט אים געוועקט, געריסן פונם אָרט און ניט געלאָזט איינליגן:

— מענדל, שטיי אויף און ברענג דיינע מתים צו קבר ישראל! . . .

אַ היפּשע ווײַלע איז נאָך מענדל געלעגן אויף דער האַרטער ערד. אים איז אָנגעקומען זייער שווער צוזאמענצושטיקעווען די פאַרנעפּלטע פּיצלעך גע־דאנקען, וואָס זיינען געקומען און אנטלאָפן. נאָר סוף־כל־סוף, ווען דער באַ־וואוסטזיין האָט זיך פּאַמעלעך פּאַרט אומגעקערט, איז דער אבל אויפגעשטאַ־נען און גאָר אָן חרפה ארויפגעפאלן חנא די באָרד אויפן האַלז און ווי אַן אומ־באהאָלפן קינד אָנגעהויבן וויינען:

— דאָס איז מיין שולד, ר׳ חנא! נאָך לעצטע וואָך געדאַרפט אַוועקפאָרן . . .

— שאַ, נו, שאַ — האָט אים דער סטאָליער געוואָלט איינגעמען מיט ווייכע, גוטע רייד — אַ ייד טאָר אַזוי ניט ריידן . . . מסתמא איז דאָס „זיין" רצון . . . ווער קאָן דאָס וויסן און מעסטן „זיינע" וועגן? . . . בעסער באַרואיק זיך, מענדל . . . גיי שפּאַן איין דעם פערד, וועלן מיר אוועקפירן די מתים אויפן בית־עולם און טאָן זייער רעכט . . .

מענדל האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס הייסט אוועקפירן? וועמען אַוועק־

פירן? . . . וועגן וועלכער „רעכט" האָט דאָס חנא גערעדט? . . . ווען ער האָט אָבער יאָ באַגריפן דעם זין פון יענעמס רייד — איז ער, צוזאַמען מיטן סטאָליער, אַרויס פון שטיבל און דערפילט ווי דער פרימאָרגנדיקער ווינטל האָט אים אַביסל אָפּגעפרישט און אויפגעמונטערט.

אַז זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, איז מענדל ווידער צעטומלט געוואָרן. דער בורער פערד איז געלעגן מיט פאַרשטייפטע, אויסגעצויגענע פיס. דער קאָפּ איז ביי אים געווען ווי אָפּגעוואָרפן אַן א זייט. צווישן די שוואַרצע, צעעפנטע ליפּן, האָבן אַרויסגעבליאַסקעט צוויי שורות ציין, וואָס האָבן שוין פון לאַנג אָנגעוואָרן דעם ווייסן גלאַנץ פון לעבן. איין אויג איז געווען איינגעגראָבן אין „גנאי" און די צווייטע, א פאַרגלאָזטע — האָט שטאַר „אַרויסגעקוקט" פון צווישן די יוכטענע אויגן־דעקלעך און אויסגעזען ווי אַ קלענער, אָבער טיפער און שוואַרצער קראַטער.

אפילו ביי חנא די באָרד, וואָס האָט די גאַנצע צייט געדעכנט, אַז ער וועט מיטפאָרן מיט מענדלס פור קיין רוסלאַנד, אפילו ביי אים איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. און כאָטש ער האָט דערפילט, אַז פון אַלע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט פאַרלוירן ווי זיין יונגער שכן:

— יידן האָבן וויכטיקערעס אָנגעוואוירן . . . אבי דער וואָגן איז גאַנץ, וועלן מיר זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן . . .

איצט האָט מענדל זייער גוט פאַרשטאַנען דעם סטאָליערס אָנוואונק. האָט ער פון שטאַל אַרויסגעטראָגן אַ קולע שטרוי, דאָס אויסגעשפּרייט אויף די ברעטער פון וואָגן. נאָכדעם מיט חנאן אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטיבל. געוואָלט אַרויסטראָגן פון דאָרטן די הרוגים און ניט געקאָנט. די אברים זיינען זיינען נאָך אַלץ געווען ווי געליימטע און ער האָט אפילו ניט געקאָנט אָננעמען דעם ווייבס אַ האַנט.

און איצט, ווען עס האָט זיך געפאָדערט די דינסטע טאַקטיק, איז אים חנא אויך געקומען צו הילף און אויף זיין קלוגן, גוטמוטיקן שטייגער אָנגעהויבןריידן צו מענדלען, ווי אַן עלטערער ברודער צו אַ יינגערן:

— גלויב מיר, מענדל, אַז איך בין ניט קיין קברות־מאַן . . . נאָר די מצווה פון ברענגען יידישע קינדער צו קבר ישראל איז גרעסער פון מיר און פון דיר. דו ביסט אַ ייד, דאַרפסטו זיך שטאַרקן און קאָנען טאָן זייער רעכט . . .

פון דעם סטאָליערס האַרציקע רייד איז מענדל דערמוטיקט געוואָרן. זיינע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פרישער גבורה. האָט דער יונגער בעל־עגלה שטייפער פאַרצויגן דעם פּאַסיק אַרום די לענדן, פאַרשטשעמעט די ציינער, איינגעבויגן זיך, אָנגענומען דעם בר־מינן אונטער די פּאַכוועס און, חנא — פאַר די פיס. בעתן טראָגן האָבן זיך אירע לאַנגע האָר צעשאָטן אי־בערן דיל ווי אַ שוואַרצער, געדיכטער וואלד מיט די קרוינען אויף אַראָפּ. אירע אויסגעשפּרייטע, פאַרשטייפטע הענט האָבן געהאַט דעם אויסזען פון אַ צלם און מענדלען האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מלכה וואָלט מיט די הענט גע־טייטלט איןביידע עקן וועלט און עפּעס געמאָנט פון דאָרטן . . .

אַז די מאַנצבילן האָבן איינגעמאַשטשעט די מאַמע מיטן טעכטערל אויפן וואָגן און איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער, ברוינער קאָלדרע, האָט מענדל ביידע האַליאַבליעס אַרומגעכאַפּט מיט אַ שטריק. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעשטעלט

אין דער מיטן, אַ שטאַרקן שלעפּ געגעבן, אַרויסגעצויגן אים פֿון הויף און גע־לאָזט זיך מיט דער מינסקער גאַס צום „גוטן אָרט". חנא די באָרד איז געגאַנגען פֿון הינטן, ווי ניט מיט זיינע אייגענע כוחות אונטערגעשטופּט דעם וואָגן און שטילערהייד געוויינט:

— צדק לפניך יהלוך — — —

די רעדער האָבן אויפגעכאַפּט דעם האַלבן פּסוק און נאָך שטאַרקער אָנגע־הויבן צו סקריפּען. שווער געקייקלט זיך איבערן זאַמדיקן וועג. די פֿאַרוואָר־לאָזטע, יידישע הייזער האָבן מיט חשך־ואפלה „געקוקט" דורך די פֿאַראומערטע פֿענצטער אויפֿן וואָגן און ווי יתומים געבליבן שטיין קאַלטע, גלאָזיקע און שטומע.

אויפֿן „אַלטן שליאַך", וואָס האָט דורכגעשניטן די מינסקער גאַס, האָט חנא פֿון אונטער די ברעמען באַמערקט עטלעכע גויים, וועלכע האָבן זיך גע־חידושט, וואָס צוויי יידן האָבן געשלעפּט און אונטערגעשטופּט א וואָגן מיט הרוגים. האָבן אייניקע פֿון זיי אַראָפּגעכאַפּט די היטלען מיט די קוטשמעס פֿון די קעפּ און אויף גיך איבערגעצלמט זיך.

נאָר ניט מענדל און ניט חנא האָבן זיך צופֿיל אומגעקוקט אויף זיי. אַלע ווײַלע האָבן זיך די יידן אָפּגעשטעלט. פֿאַרסאַפּעטע געווישט זיך די פֿאַרשוויצטע פּנימער, די קאַרקן, אָפּגעכאַפּט די אָטעמס און ווייטער געשניטן אַלץ נאָענטער און נאָענטער צום בית־הקברות און ביידע מענער האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען געווען די אײנציקע איבערגעבליבענע יידן אין שטעטל.

אָבער שפּעטער אַביסל, ווען מענדל מיט חנאן האָבן דורכגעקייקלט דעם וואָגן דורכן טויער פֿונם „הייליקן אָרט" — האָבן זיי איבערראַשטע דערזען דעם אַלטע קברן און דער סטאָליער האָט אַ געשריי געגעבן:

— ר' מאַטעלע! איר זייט גאָר דאָ?! . . . און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט נאָך לעצטע וואָך אַוועקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד! . . .

אַ קליינינקער, אַן איינגעהויקערטער, מיט אַ פֿייגן פּנימל, וואָס האָט גע־קוואַרטירט אין דער מיטן פֿון א לאַנגער באָרד, וועלכע איז אַמאָל שוין געווען גרוי און איצט — זאַמדיק־געל, האָט ר' מאַטעלע אויף אים א דעמפּיקן בליק געגעבן מיט זיינע טראַכאָמעוואַטע אויגן. אַ טראָט געטאָן פֿאָראויס און זיין טלית־קטן מיט די דיקע ציצית האָבן זיך אָנגעהויבן באַמבלען:

— וואָס מיינסטו זיך וואָס? איך וועל איבערלאָזן אַ „פֿעלד מיט יידן" און פֿאָרן קיין ראַשיי? . . . מ'זאָגט דאָך, אַז די . . . די קאָמוניסטן האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן? . . .און ווער וועט מיך דאָ טשעפּען, ווער? . . .

אויף א ווײַלע איז ער אנטשוויגן געוואָרן. אַריין אין טהרה־שטיבל. אַרויס־געטראָגן פֿון דאָרטן צוויי גראַב־אייזנס, אויסגעטאָן דעם קאַלירלאָזן מלבוש, צוגעקומען צום וואָגן און פֿון זיין גאַנצן געשטעל האָט מען ניט געקאָנט וויסן, צי דער וואָגן מיט די הרוגים האָט ביי אים אַרויסגערופֿן מיטגעפֿיל אָדער ניט.

— ס'איז מסתמא דיין ווייב מיטן קינד, מענדל, אַ? . . . נו, גוט! מ'עט שוין געפֿינען אַן אָרט פֿאַר זיי, און דו, חנא — האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן באָרד צום סטאָליער — דו קום מיט מיר. אַליין וועט זיין שווער צו גראָבן. שוין ניטאָ מער די אַמאָליקע כוחות . . .

זיי האָבן אוועקגעבראַדיעט צווישן די הויכע, געל געוואָרענע גראָזן און אויסזוכנדיק אַן אָרט עס זאָל זיין געננוג פֿאַר צוויי מתים, האָט ר' מאַטעלע אַרויפֿ־

געשטעלט זיין פוס אויפן אויערל פון גראַב־אייזן און ארויסגעביסן דאָס ערשטע שטיקל ערד. חנא האָט אים געהאָלפן. זיי האָבן געארבעט גיך, מיט אַ מאָדנעם ברען אין די הענט. די לאָפּעטעס ערד זיינען געפלויגן אין דער לופטן ווי ווראָנעס און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די יידן איילן זיך וואָס גיכער מקבר צו זיין די הרוגים, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אז די מתים זאָלן חלילה גאָרניט פארשפּעטיקן אויפן הימל.

די גאנצע צייט איז מענדל געזעסן אויף דער ערד ווי א פריטשמעליעטער. די ברייטע פלייצע אָנגעשפּאַרט אויף דער פאָדערשטער ראָד. דעם קאָפּ געהאַלטן אין די הענט. מורא געהאַט אויפהויבן די בליקן, צי רירן זיך פונם אָרט און דערמיט שטערן דעם הייליקן גייסט, וואָס האָט דאָ ארומגעשוועבט. נאָר ווען ר׳ מאטעלע מיט חנאן האָבן שוין אריינגעלייגט מלכהן אין דער ערד און דער־נאָך געקומען נעמען גיטעלעס קערפּערל, איז ער ראַפּטום אויפגעשפּרונגען און ווי א ווילדער אָנגעהויבן שרייען:

— טשעפּעט זי ניט! כ׳ל אַליין! . . .

די יידן האָבן אָפּגעטראָטן פון וואָגן. דער טאַטע האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, מיט צערטלעכקייט צוגעדריקט צום הארצן און אזוי ארום צו־געקומען צום קבר. אהין אראָפּגעלאָזט דאָס טייערסטע פון זיין לעבן און מער שוין ניט געשריען און ניט געוויינט. נאָר ווען דער קבר איז שוין געשטאַנען אַ פארטיקער, אַן ארומגעפּאַטשטער, האָט ער מיט פארשטיקטקייט אין קול גע־נומען זאָגן:

— יתגדל ויתקדש שמו רבא! — — —

דעם וואָגן האָבן זיי איבערגעלאָזט אויפן בית־עולם און צוריקגעגאַנגען מיט ליידיקע הענט, מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ, צעבראָכענע געמיטער און זיי איז גאָרניט איינגעפאַלן צו חידושן זיך, אָדער זיין אין כעס אויף ר׳ מאטעלען, אלעמיי יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פארלאָזן „אַ פעלד מיט יידן" און גייענדיק פון איין פוסטקייט אין דער אנדערער, האָט זיך מענדלען אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער זין פון לעבן איז מיטאמאָל אויסגערונען פון אונטער די פאָדעשוועס פון זיינע שטיוול, וואָס האָבן געטראָטן און געטראָטן אין א תהו־ובוהו.

ביים אריינגאַנג אין פיר־הויז האָבן זיי אָפּגעגאָסן די נעגל. חנא האָט פון ערגעץ געבראַכט אַ נידעריק קעסטל, דאָס אוועקגעשטעלט ביים מזרח־וואַנט. דער אבל האָט אראָפּגעצויגן די שטיוול פון די פיס, אָנגעטאָן די סקאָר־פּעטקעס, וואָס מלכה האָט נאָך געהאַט אויסגעוואַשן און אוועקגעזעצט זיך שיבה.

דאָס שטיבל מיט די אויסגעזעצט שויבן האָט איצט אויסגעזען פּוסט, פארוואָרלאָזט און אבלדיק. אפילו די זון, וואָס איז פארבייגעשוואומען דעם בניך, האָט זיך פארבאהאַלטן הינטער אַ שווער אָנגעלאָדענעם וואָלקן און גע־שעמט זיך צו באווייזן איר גילדערנעם פּנים. איז די טונקלקייט דאָ געהאַנגען אַ געדיכטע, אַן אומעטיקע און עס איז שווער געווען צו וויסן צי אויף דער וועלט איז נאָך טאָג אָדער נאַכט.

די נאַכט איז גראַדע דורכגעגאַנגען בשלום. זי איז געווען אָנגעפּילט מיט הארטן שלאָף. נאָר פארטאָג איז אנדרעי דער קוימען־קערער אריינגעלאָפן אַ פארסאָפּעטער און איז מיט איין פוס געבליבן שטיין איבער דער שוועל:

— מענדל, אנטלויף! די דייטשן קומען!

מענדל האָט זיך אויסגעטשוכעט, אויפגעוועקט חנאן, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער קאנאפּע און געכראָפּעט:

— וואָס זאָגסטו, אנדרעי — האָט מענדל איבערגעפרעגט דעם גוי — די דייטשן קומען? גוט! זאָלן זיי נאָך וואגן ארייַנשטעלן א פוס אהער, וועל איך זיי מיטן לאָם די קעפּ צעפּלעטן! . . .

חנא האָט מיטן האנט־פלאך ארויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן. גיך געוואשן זיך די הענט. אין טלית־זעקל אריינגעלייגט אַ תהילים, מיט א האלבן לאבן ברויט און געבעטן זיך ביים יונגן, געזונטן בעל־עגלה מיטן שמאָלן שטערן, איבער וועלכן עס איז געזעסן א פארשטויבטע היטל מיט א פארמעליקטן דאשיק:

— דו רעדסט נארישקייטן, מענדל. לאָמיר אנטלויפן. מ׳קאן זיך נאָך ראטעווען אין וואלד . . .

דער קוימען־קערער איז באַלד אַוועק. מענדל האָט א דערשטוינטן קוק געגעבן אויף חנאן און געענטפערט מיט אזא אנטשלאָסנקייט אין קול, ווי ער וואָלט גאָר קיין אבל ניט געווען:

— אַנטלויפן? איבערלאָזן דאָ מיין מלכהן מיט מיין גיטעלען? . . . שוין בעסער איינגעמען אַ מיתה־משונה גלייך אויפן אָרט! . . .

דערווײַלע איז חנא צוגעגאנגען צום פענצטער: דער הימל איז פארכמורעט געוואָרן. דיקע, ווילדע וואָלקנס, שווארצע, אָנגעלאָדענע מיט וואסער ביז איבער די ברעגן זיינען האסטיק געשוואומען איינע אנטקעגן די אנדערע און דעם סטאָליער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין א רגע, צי אין א מינוט ארום — וועלן זיך די וואָלקנס צעבוצקען מיט די שטערנס, ווי ווילדע אקסן אין קאמף פאר אַ טשערעדע און אומברענגען די גאנצע וועלט:

— שוטה! — האָט ער צוגענומען די אויגן פון פענצטער און צעשריען זיך אויפן פארעקשנטן מענדלען — קום! זאָג איך דיר.

מענדל איז געבליבן איינגעשפּארט ווי אַן אייזל און ניט געענטפערט. זיינע געדאנקען האָבן אים איצט אוועקגעטראָגן וויַיט, צום היגן בית־עולם, וואו זיין מלכה מיט גיטעלען האָבן זייער רו געפונען. אויף דעם בעל עגלהס פארוואָק־סענעם פנים האָט זיך פּלוצים באוויזן א פארדעכטיקער שמייכל און אין די פאר־דיבוקטע אויגן האָבן צוויי פייערלעך אויפגעבליצט.

חנא האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. אפשר גאָר שרייען אויף אים, אָדער בעטן זיך נאָכאמאָל, אז זיי זאָלן וואָס גיכער אנטלויפן. נאָר אין דער רגע זיי־נען פאר דעם פענצטער דורכגעלאָפן צוויי גרויסע סילועטן און זייערע אויטאָ־מאטישע ביקסן האָבן אריינגעשאָסן. נאָכדעם האָט א הארטער שפּיץ־זויל פון א געזונטן שטיוול א חוצפהדיקן זעץ געגעבן אין טיר. זי אויפגעפראלט און אַ צעשטשערבעטער קול האָט אריינגעשריען:

— היערוס, פארפלוכטער יודע!

דער סטאָליער איז געפאלן מיטן פנים צו דער ערד און מענדל, פלינק ווי אן אקראָבאט, האָט געכאפּט דעם לאָם אין די הענט, פארבאהאלטן זיך הינטער דער צעעפנטער טיר און ווען דער ערשטער נאַצישער העלמעט האָט אריבער־געשפּאַנט די שוועל, האָט זיך מיטאמאָל דערהערט אַ מוראדיקער טראסק און דער קורצער קלאנג פון די צוויי מעטאלענע כלים.

אין שטוב איז אריינגעלאָפן אן אנדער סאָלדאט, מיט דינע, פארביסענע

ליפּן, וואָס האָבן קיין איינציקע זילבע ניט ארויסגעבראכט. נאָר זיין ביקס, אַן אַנגעצילעוועטע אויף מענדלען, האָט ניט אויפגעהערט צו האָגלען מיט קוילן און פארשפּרייט ארום זיך טויט און פּאַרוויסטונג.

ביי מענדלען איז דער לאַם ארויסגעפאלן פון די הענט, מיט א טעמפּן אָפּהילך, אַן איין און איינציק וואָרט, וואָס דער ייד האָט נאָך באוויזן ארויס־צוכאָרכלען פון זיין צעלעכרטן האלז — האָט זיך אויף א רגע אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן ווי א פויגעלע מיט אונטערגעהאקטע פליגלען:

— מלכה! — — —

דער הימל איז פון רגע צו רגע אלץ שווארצער און שווארצער געוואָרן. אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריק איבער דער ערד. די טראָפּנס רעגן זיינען געפאלן געדיכטע און גרויסע ווי ארבעס. נאָר מיטאמאָל איז פון די פעלדער אָנגעלאָפן אַ שניידנדיקער ווינט, וואָס האָט שארף געפייפט, געקלאָגט מיט פארגייענדיקע קולות, געוואויעט ווי א וואָלף און צום סוף פאַרוואנדלט געוואָרן אין אַן אוראַ־גאַן, וואָס האָט זיך אַ טראָג געגעבן איבערן שטעטל, אראָפּגעריסן די דעכער פון די הייזער און די קוימענס זיינען געבליבן שטיין נאקעטע און פארשעמטע.

דער שטורעם האָט געבושעוועט אלץ ווילדער און ווילדער. אין וואלד ארויסגעריסן די יוסטנע, איינגעקווארטירטע בוימער מיט די ווארצלען אויף ארויף. געוואָרפן די דעמבעס איינע אויף די אנדערע ווי שפּענדלעך. בלויז אין דעם אנטקעגנדיקן סאָד, האָט זיך א יונג בארן בוימעלע געבארעט מיטן אוראגאן אויף איר אייגענעם שטייגער. זי האָט זיך געדרייט אהין און אהער, הכנעהדיק געבויגן איר צארטן קאָפּ און נאָכדעם שטיין געבליבן א גלייכע און אַ שיינענדיקע ווי אַ בת־מלכה. און איר איינציק באַרעלע, וואָס איז נאָך פון זומער אָן געבליבן הענגען אויפן העכסטן צווייגל און בעתן שטורעם ניט איינמאָל צעקושט זיך מיט די נאסע גראָזן, האָט זיך איצט געהנדלט מיט אירע פולע, רויטע בעקעלעך און געלאכט צו דער ארויסשווימנדיקער זון.

---

**אסתר שומיאטשער־הירשביין**

# מאקס באנד

(דער קינסטלער פון ליכט און שאָטן)

### א) נח׳ס טויב

די טויב מיט אַ גרינעם איילבירט־בלעטל אין שנאָבל,
ברענגט די בשורה פון זון און ערד;
דער רעגנבויגן לויכט מיט אַ האָפן:
דער הימל שמייכלט אַ — שלום עליכם,
די ערד קוועלט מיט — עליכם שלום.
נח, גאָטס דערוויילטער, שמייכלט ווי אַ קינד, צום רעגנבויגן,
ער שטייט פאַר זיין גאָט אַן בהלה אין הארצן און אָן מהומה;
איינס־ביי־איינס לאָזט ער פון דער תבה אַרויס גאָטס ברואים,
קוקנדיק אויפן רעגנבויגן — די מחילה פון גאָט צום מענטש . . .
— פּרו ורבו, פרוכפּערט אייך און מערט אייך, קינדער יידישע,
גאָט וויל אַזוי — שעמערירט דער רעגנבויגן . . .

### ב) צ פ ת

צפת שלאָפט אונטער אַ ווייס־גרויען נעפּל,
די שטיבער, ווי צעשראָקענע שעפּסן, לויפן באַרג־אַראָפּ;
דער איילבירטן־וואַלד, ווי מיט זילבער שעמערירט,
די נאַכט און דער טאָג גיבן זיך אָפּ שלום.

עס רופט אַ ייד צו חצות;
ער וועקט פון שלאָף דעם יידישן חלום,
אַ ווידערקול קלינגט אָפּ:
„בית יעקב לכו ונלכו . . ."

אַ מאַמע פירט צוויי יינגלעך אין חדר אַריין,
די פּאה׳לעך וויגן זיך און זינגען שירה צום בורא —
און אַריבער די אַקסלען פון די בערג,
ווי אַ שומר, מיט זיין בלוי אויג, קוקט דער כנרת.

### ג) י ר ו ש ל י ם

אין ווייסן געהילט, ווי אַ כלה, לויכט ירושלים,
די בערג פון יהודה היטן איר מיידלשן חלום.
מיט אַ הימל־ווייטקייט רעדט די שעה פון מנחה־מעריב,
אַ שטילע רו שעמערירט איבער דעכער.

פון אונטער אַ גרינלעכן באַרג ווייזט זיך אַ וואָלקן,
דער כותל מערבי אייביקט אין זיינע רעיונות,
דער שער־הרחמים וואַרט — ער וואַרט
משיח זאָל אויף זיין ווייסן אייזל זיך באַווייזן.

דער בין־השמשות גליט מיט ישעיה׳ס נבואה:
פעלקער שטראָמען, גאַטס באַרג קומט זיי אַנטקעגן,
אַ פייער פון רחמים איז זייער שומר,
זיי שמידן די שווערדן אויף אַקעראייזנס — — — —

ירושלים מאַכט צו די אויגן,
די בערג פון יהודה היטן איר מיידלשן חלום.

### ד) אַ טעלער פרוכט

וויינטרויבן, גרין־גרויע און שוואַרצע, בליאַסקען ווי יידישע אויגן.
דער געלער אתרוג מיט זיין גרינעם שאָטן שמעקט מיט סוכה־סכך און אָסיען־רעגן.
דער פּטום ביים אתרוג נעמט זיך איבער,
ווי אַ בן־יחיד ביי זיין מאַמען.

עפּל, מיט גרויען טוי אויף גרינע באַקן,
קוועלן־אָן מיט האָניק־טעם און רייפן זומער.
אַן אויסגעשפּאָלטענער מילגרוים איז אויסגעשטערנט מיט זיינע קערנדלעך,
ווי ער וואָלט געמאַכט קידוש איבער זיין אייגענעם רויטן וויין.

איבער אַט־דעם אַלעם,
שוועבט די ברכה:
בורא פרי העץ!

---

ברכה קודלי

## ע ר ד

ערד פון פעלד און זעט און זאַנג,
ס׳איז גוט אין באַגינען זיך צוהערן
צו דיין קילן, איינגעהאַלטענעם אָטעם,
ווען דו וואַרטסט אויף זון־אויפגאַנג,
ווען דער ערשטער שטראַל טוט אַ פלאַקער
אַנטקעגן דעם ערשטן טראָט פון מענטש,
וואָס שפּאַנט צו דיין פעלד
מיט בטחון און אַקער
און זינגט פאַר זיך און צו דיר
אַ שטילן זמר פון פרימאָרגן ביז דעמער
און דו נעמסט אַריין אין דיינע אינגעווייידן
זיין מי, זיין האָפענונג, אויף גערעטעניש —
ווילט זיך זינגען צו אייך ביידן,
צו דעם מענטש וואָס האָפט און צווייפלט,
צו זיין שפע פון ברויט,
וואָס דו קערסט אים אום גע׳כפל׳ט.

ערד פון טאָג און נאַכט,
וויפל רייץ איז אויסגעשפּרייט
אין דיין צעשיידונג מיטן טאָג,
ווען דער טאָג ווערט בלוילעך און פאַטראַכט,
טריב און באַפליגלט
נעמט דיר אַרום מיט זיינע פאַרבן דער פאַרנאַכט,
האָריזאָנט צינדט זיך אָן אין אַ פורפורנעם שלייער,
אַ מילדע גאָטהייט פליסט צווישן אייך ביידן
און אויף דיין פנים ווערט אַ צויבערלעכע בלויקייט צעווייערט.

פּאַסטאָראַלע ערד,
דיין פרוכט־בוים צירט זיך אין שמעקעדיקע ווייסע בליטן
דעם פרילינג צו דערפרייען
און צו צייגן אַז אין דיינע טיפן
ליגט באַהאַלטן פיל מער ווי ס׳אויג קען דערזען.

דערהויבענע ערד,
וויפל קאַלטער ערנסט
ליגט אין די שפּיצן פון דיינע בערג די גרויע,
די שאָטנס אַרום זיי וויקלען זיך אין סודות און אין שוץ,
זייער קרוין פון שניי,

וואָס הערט זיך איין צום קיום פון שטערן
רופט צו שפּירונג פון דויער.

זינגענדיקע ערד,
צו דעם שוואונג פון דיינע וואַסער־קוואַלן,
וואָס זינגען אַראָפּ צום טאָל אין אַ געוועט,
צו דעם זיסן זשום פון בין
וואָס זינגט אין דיינע בלומען,
נעם אויף אַריין מיין פּינטעלע ליד,
וואָס האָט געצערטלט און געגלעט
און מיין דוכטעניש געזוכט
אין דיין גאָלדענער פּרוכט.

---

י. פרידלאַנד

# אין געיעג נאָך גאָלד

(היסטאָריאָגראַפיש)

— א —

עמאַנואל, אַ יונגערמאַן אין די מיט־דרייסיקער, אַן ענערגיש געזונטער האַרעפּאַשנער ייד, מיט אַ פונק פון אַוואַנטורע אין זיך; אַ באַווייבטער מיט אַ זונעלע פון פינף יאָר, האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן מיטגעטיילט זיין ווייב עדנאַ, אַז ער האָט בדעה זיי זאָלן זיך אַריבערציען פון דעם גרויסן ניו־יאָרק צו דעם דאַן נאָך ווילדן מערב, אין דער ניי־אויפגעקומענער שטאָט—סאַן פראַנציסקאָ.

ס'איז געווען תיכף נאָך דער קריג, פון אמעריקע מיט מעקסיקאָ. קאַליפאָרניע איז נאָר וואָס איבערגעגאַנגען פון מעקסיקאָ צו אַמעריקע, און איז נאָכדעם אַריינגענומען געוואָרן אין דער „יוניאָן" פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ס'האָבן זיך באַלד געעפנט פאַר יונגע מענטשן, מיט מוט און ענערגיע, כלערליי געלעגנהייטן. צופעליק איז, צו יענער צייט, אַרום דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, אַנטדעקט געוואָרן גאָלד־גראָבנס; און די דאָזיקע עלעקטריזירנדיקע בייס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, פון איין עק ביזן צווייטן. צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע קלאַסן און שטאַטן זיינען באַהויכט געוואָרן פון אָט דעם גאָלד־פסיכאָז, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די בערג, דערגרונטעווען זיך צו אָט דעם פיל צוגעזאָגטן און געמאַניעטן גאָלד־שטויב . . .

אויך עמאַנואל איז הינגעריסן געוואָרן פון אָט דעם דראַנג און לוסט צו וואַנדערן, נאָך אָט דעם ווייטסטן טייל פון אַמעריקע, צו זוכן זיין גליק און פּרובירן מזל. ער האָט געהאַלטן אַז די „געלעגנהייט וואָס קלאַפּט איצט אין זיין טיר" טאָר ער נישט פאַרביילאָזן. זיין באַגער איז געווען צו דערווערבן זיך אַ לעבן וואָס איז מער ווי „פון האַנט אין מויל". אָבער אויף אַ ווייניקער ספּעקולאַטיוון אופן. זיין חשבון איז געווען גאָר אַן אַנדערער און אַ פּשוט'ערער: — אַרום די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס יאָגן זיך איצט נאָך דעם „גאָלד־ראַש" און וואָס וועלן זיך זיכער נויטיקן דאָרטן אין כלערליי זאַכן און פּראָדוקטן; וועט ער דורך זיי, און אַרום זיי, זיין „גאָלד" געפינען . . .

אין אַ גאָר קורצער צייט האָט עמאַנואל זיך אָנגעשלאָסן אין איינעם פון די „קאַראַוואַנען" וואָס האָבן זיך דאַן געצויגן צו די בערג און גאָלד־מינען . . .

— ב —

אויף די משופּה׳דיקע סיעראַ בערג, דורך די קרומע, נאָך ווייניק אויסגע־טראָטענע וועגן, איז נאָך א „קאַראַוואַן" מיט בוידן, אָנגעלאָדן מיט פאַרשיידענע חפצים און פּראָוויאַנטן, אויך נאָכגעפאָרן דער ייד, עמאַנואל, מיט זיין בויד.

ס׳איז געווען מיט־זומער, די הייסע סוף יולי־זון האָט שרפה׳דיק געבראָטן, און אין שוויס געבאָדן די שטאַלטנע מענער, וועלכע האָבן געשלעפּט זיך לאַנגע טעג צו דעם פיל פּראָספּעקטירטן אָרט פון די דאַן אַנטדעקטע קאַליפאָרניער גאָלד־מינען.

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן האָט דער מידער „קאַראַוואַן" זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיק פלאַך־לאַנד, נעבן אַ געדיכטן וואַלד מיט אַ לויפנדיק קילן וואַסער־שטראָם; אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אָפּרוען די פערדס און די אַנטריי־בערס מידע ביינער. דאָ וועלן זיי מאַכן זייער נאַכטלעגער, אָנזאַפּן זיך מיט פרישע כוחות, כדי ווידער קענען ממשיך זיין זייער ווייטע אַוואַנטוריסטישע נסיעה. אַזוי האָבן זיי געטאָן יעדן טאָג, ביז זיי וועלן ענדלעך אָנקומען צום עיקר־פּונקט — צו די גאָלד־אוצרות וואָס ליגן ערגעץ אין דער אינגעווייד פון דער ערד און אין די האַרטע פעלזן פון די בערג . . .

ווער זיינען געווען אָט די געוואַגטע מענער פון אָט די אומצייליקע „קאַראַ־וואַנען", וועלכע האָבן זיך געצויגן אויף אָט די משופּה׳דיקע וועגן? וואָס פאַראַ מיני־טיפּן מענטשן זיינען זיי עס געווען, און וואָס פאַרא מענטאַליטעט און פּסיכאָז האָט זיי מיט אַמאָל באַהערשט איבערלאָזנדיק היים, ווייב און קינד און אַוועק־געלאָזט זיך אויף אַזאַ ווייטער סכנה׳דיקער נסיעה?

צווישן אָט די גרויסע מחנות „גאָלד־יעגערס" זיינען געווען כלערליי אַוואַנ־טוריסטן, „געמבלערס" מיט אַ וואַנדערלוסט אין זייערע אומרואיקע נשמות. אויך אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון דעם קלעם, פון פאַמיליען־לעבן, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך ווי אַ שווערן עול; און באַפרייען זיך אַ ביסל פון דער טאָג־טעגלעכער איינטאָניקייט. אָט די פאַרשוינען האָבן מיט אַמאָל דערזען פאַר זיך עפּעס אַ נייעם ציל אין לעבן, און אַ וויזיע פון „גיך רייך" ווערן. דאָס האָט אפשר, טיילווייז, באַרעכטיקט זייער וואַנדערלוסט, לפּחות אין די אויגן פון זייערע נאָענטע און משפּחה . . .

---

אַרום די צעשפּרייטע געצעלטן האָבן קליינע פייערלעך זיך באַוויזן: די גאָלד־יעגערס האָבן זייער נאַכט־מאָלצייט צוגעגרייט. דער פרישער זאַפטיקער אַראָמאַט פון דעם דערנעבנדיקן סאָסנאָוון וואַלד האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם רויך און געשטאַנק פון דעם געפּרעגלטן „העם און עגס" (חזיר־פליש און אייער). דאָ און דאָרטן האָט זיך געהערט דאָס טוויטשערן פון פייגל, דאָס קלאַפּן פון דעם „האָלץ־פּיקער". אַ גאַזעל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים לויפנדיקן וואַסער, און מיט אירע רונד־צעשראָקענע אויגן, עפּעס ווי באַטראַכט; אָט די לעבעדיקע באַוועג־לעכע ברואים, פון ווייטנס, וואָס האָבן דאָ, מיטאַמאָל, מיט ראש און טומל זיך באַוויזן ביי אָט דעם ברעג פון טייכל. דאָ קומט זי, די גאַזעל, יעדן מאָל, שטילן איר דורשט אין די פרימאָרגנס און ביים זון־פאַרגאַנג. זי האָט דערשנאַפּט, און

דערזען, מיט אַמאָל, עפּעס גאָר אומגעוויינלעכעס; האָט זי ראַפּטאָם אויפגעהויבן איר הירשן־קאָפּ, אים אַ דריי געטאָן אָט רעכטס, אָט לינקס, און איז פייל און בויגן, ווי הינטער געשאָסן, שפּרינגיק־הירשנדיק, ראַשיק אַנטלאָפן ווי פון אַ געפאַר, אין דער ווילדערניש פון וואַלד . . .

עמאַנואל האָט ווי די אַנדערע פון דעם „קאַראַוואַן" צוגעפירט זיינע פערד צום טייכל „אָנוואַסערן" זיי, און אַליין אויך זיך אַרומגעוואַשן פון דעם שטויב און ברודיקן שוויס, אין וועלכן ס׳לייב זיינס האָט זיך געבאָדן אַ גאַנצן טאָג אויף דער ברענענדיקער זון, אָנטרייבנדיק זיין געשפּאַן . . .

נאָך דער אכילה זיינען די „גאָלד־יעגערס" רונדאַרום פייערלעך געזעסן, אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט אויף מויל־האַרמאָניקעס זייערע בענקענדיקע לידער פון דער היים, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן הינטער זיך.

עמאַנואל האָט די גאַנצע צייט פון דעם וואַנדערוועג געהאַלטן זיך ביים סוף פון „קאַראַוואַן". זיין בויד־וואָגן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט כלערליי זאַכן און זאַפּאַסן, פאַר דעם געברויך פון די גאָלד־גרעבער: — רידלס, גראָב־אייזנס און „פּיקן", אַרבעטס־הויזן און העמדער, שטיוול און זאָקן, היטלען און דעקן, שיסלען, מולטערלעך און בלעכענע זיפּן; אויף דורכוואַשן און דורכזיפּן דעם גאָלד־זאַמד פון די אויסגעגראָבענע און אויסגעהאַקטע פעלזן. זיין בויד איז געווען אַ קאָמ־פּלעטע „קראָם אויף רעדער" און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ רויט־קרייץ וואָגן, וואָס פאָלגט נאָך אַ „קאַראַוואַן" פון אַרמיי־אָפּטייל . . .

די קליינע מחנה גאָלד־יעגערס האָבן פרי נאַכט געמאַכט, מחמת מיד און אויסגעמאַטערט פון דער שווערער נסיעה.

שפּעט אין אָוונט, ווען די גאַנצע מחנה איז געווען אַרומגענומען מיט אַ טיפן און שטאַרקן שלאָף, האָבן זיי לכתחילה ניט געהערט דאָס רוישן פון די ביימער, דעם וואָיען פון די קאַיאָטן און אַנדערע בעל־החיים פון וואַלד. דער וואַלד־גערויש איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ באַלד אָנקומענדיקן שטורעם׳ און . . . אין מיטן דער נאַכט האָט אַ רעגן־שטורעם זיך אַראָפּגעזאָלן: — בליצן און דונערן האָבן אָנגע־הויבן צו קנאַלן אין דעם גאַנצן וואַלדיקן אַרום. די לייוונטענע געצעלטלעך זיינען פון רעגן דורכגענעצט געוואָרן. די אויפגעכאַפּטע מענער פון שלאָף זיינען אַריינ־געקראָכן אין די בוידן און איינגענעסטלט זיך איינס אין אַנדערן. אָן אומרו האָט די פּלוצלינגע שטורעם־בהלה אין זיי אַרויסגערופן, און האָבן שוין מערער נישט געקענט איינשלאָפן. דאָס קראַכן פון די ברעכנדיקע ביימער, די קולות פון די חיות און פויגלען האָבן זיך געלאָזט הערן אין אינטערוואַלן, און ווי מיטגעהאַלטן מיט די קולות וברקות, פון דעם, פון גאָט אַראָפּגעשיקטן, שטורעם און מבול . . .

מיטן קאַיאָר איז אַלץ און אַרום איינגעשטילט געוואָרן: דער וואַלד איז ווידער געשטאַנען אַ רואיקער, אַ געשמאַק פרישער; קיין שאָרך מער פון די בלעטער און צווייגן אויף די ביימער. דער רעגן האָט אַראָפּגעוואַשן דעם געדיכטן שטויב פון אַלץ און אַרום; די לופט אַ ריינע אַ זויבערע. דער טאָג האָט זיך גע־שטעלט אַ לויטערער; די פייגל האָבן זינגעוודיק איבערגערופן זיך, אויף זייער פייגל־לשון; וועווערקעס זיינען געשפּרונגען פון צווייג איבער צווייג; געוואַג־טערע זיינען אַרומגעלאָפן און גענישטערט מיט זייערע פיסקעלעך, צווישן די פון שטורעם אָנגעפאַלענע בלעטער און צווייגן.

די זון איז אַרויסגעשוואומען פון איר „פוטער־פאַס" און ווידער געוואַרעמט,

באַשטראַלט און באַליכטיקט דעם גאַנצן אַרום . . .

— ג —

עמאַנואל האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אַנדערש און, כמעט, ווי אויסגעטיילט זיך פון די אַנדערע מענער פון דעם „קאַראַוואַן", מיט וועלכע ער איז מיטגעפאָרן. ניט מחמת ער האָט זיך באַטראַכט פאַר געהויבענער, מיוחסדיקער פון די אַנדערע; ניין, ער האָט זיך אָבער אויך נישט באַטראַכט שפלות'דיקער. אָבער . . . מיט דעם וואָס ער איז נישט געווען קיין „פראָספּעקטאָר", קיין „גאָלד־יעגער", נאָר פשוט — אין זייערע אויגן — אַ „פּעדלער", אָדער אין בעסטן פאַל אַ קרעמער, איז ער מיט דעם אַליין שוין ממילא ניט געווען פון זייער קלאַס — אַ ניט־זיי־עריקער . . . זיי האָבן אַזעלכן באַטראַכט פאַר אַ ניט־געוואַגטן און אוודאי נישט פאַר קיין „געמבלער". זיי האָבן געוואוסט, ווען ער האָט זיך אַנגעשלאָסן, צו זיין אַ מיטפאָרער מיט זייער „קאַראַוואַן", אַז ער פירט מיט זיך כלערליי זאַכן און הפצים פאַר זייער געברויך, און ווען זיי וועלן זיך באַנויטיקן אין די זאַכן, וועלן זיי עס ביי אים באַקומען; און פאַר דעם אַליין האָבן זיי אים באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקן אָביעקט אין זייער אַוואַנטורע. חוץ דעם, דרויסנדיק, איז עמאַנואל ניט געווען אַנדערש פון די אַנדערע. הגם אַ ייִד פון אַפּשטאַם, האָט ער אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע ספּעציפישע אייגנשאַפט פון זיין ראַסע. זיין אויפ־פירונג, זיין אכילה און הלבשה — די זעלביקע ווי זייערע. ניט די „גאָלד־יעגערס" זיינען געווען פון די מינים קריסטן וואָס האָבן געפּראַוועט אונטערוועגנס וועלכע סע איז רעליגיעזע דינסט, און ניט עמאַנואל, דער ייִד, האָט אין יענער געגעבענער סיטואַציע און סביבה אַרויסגעוויזן זיך מיט זיין ייִדישקייט און שטייגערישקייט...

די „גאָלד־יעגערס" האָבן נאָכן איינגעשטילטן שטורם, און ביים זוניקן פרימאָרגן, אַרויסגעהאַנגען אויף אַנגעצויגענע שטריק, פון בויד צו בויד, די פון רעגן פאַרנעצטע זאַכן און דעקן. זיי האָבן אַרומגעקוקט די וועגענער, די לייצעס און זייער גאַנצן געשפּאַן, צי אַלץ איז בסדר טוב. אויך עמאַנואל האָט זאָרגפעלטיק אַלץ אַרומגעקוקט: די בויד, די רעדער, די אָקסן און די פערד. ביי איין פערד האָט ער באַמערקט אַ שטיקל פעל אָפּגעריבן ביי אַ זייט, האָט ער תיכף די רויע־וואונד מיט אַ פעטס באַשמירט· ער האָט נאָכדעם איינגעשפּאַנט די פערד און, ווי די אַנדערע, איז ער געווען גרייט צו דער ווייטערדיקער נסיעה.

נאָכדעם ווי דער ערשטער פון „קאַראַוואַן" פאָרויס האָבן געגעבן אַ פייף־סיגנאַל, האָט מען זיך גערירט אין וועג. די וואַלד־פייגל האָבן זיי אַרויסבאַגלייט מיט אַ טומלדיקער פישטשערייַ און געפּליגל, ווי זיי וואָלטן מיט דעם וויסן געבן די אַנדערע פון זייער מין, קומען אויפכאַפּן דאָס איבערבלייבעכץ פון די נעכטיקע באַלאַגערערס. אַ שפּרינג־האָזל האָט פייל־בויגנדיק אַדורכגעשניטן דעם מיט־וועג פאָרויס דעם „קאַראַוואַן", און אַ רויט פוקסל האָט זיך ראַפּטאַם אַ יאָג געטאָן נאָך דעם. פאַזע דעם וואַלד האָט איינער געקענט זען אַ פּאָר פריש־אָפּגעשאָסענע ביימער פון נעכטיקע בליצן און דונערן, און אין די אויסגעעברענטע לעכער פון ברייטע ביימער האָבן וועווערקעס געמאַכט זייערע נעסטן און באַהאַלטן שפּייז פאַרן ווינטער. אַלטע, שוואַר־שטאַמיקע גרויסע ביימער — גיגאַנטן זיינען געלעגן צעשפּרייט, אפשר פון קדמונים, אויף אָט דעם געדיכט־באַוואַלדערטן באָדן . . .

דער וועג איז געווען אַ שווערער, אַ האַרבער. ערטערווייז האָט דער „קאַראַ־וואַן" געדאַרפט דורכשניידן לויפנדיקע וואַסערן פון ניט צו טיפע טייכן. ביז

ענדלעך מיטן צופאַלן פון דעם אָוונט, זיינען זיי אָנגעקומען צו דעם „פּאַרפּאַסטן" פון דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, וואו די ערשטע גאָלד־מינען זיינען אַנטדעקט געוואָרן. דאָ האָבן זיי שוין געטראָפן אַזעלכע ווי זיי, צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח, מיט צענדליקער הונדערטער געצעלטן. זיי זיינען ניט געווען דאָ די אייניציקע „אויפן יאַריד", אין די צענדליקער טויזנטער זיינען זיי געקומען רעגיסטרירן זייערע „קליימס", גרייט אַוועקצולאָזן זיך מיט „פּיק" און רידל צו זוכן זייער גליק.

עמאַנואל האָט דאָ אין דעם גרויסן באַלאַגערטן „קעמפּ" באַשטאַט זיין „בויד־קראַם" און האָט מיט דעם באַגינען זיך אַרויסגעלאָזט צווישן די הונדערטער גע־צעלטן פּעדלען מיט זיין סחורה.

צי די געוואַגטע, אומדערמידלעכע „גאָלד־יעגערס" האָבן דאָ געפונען זייער מזל אין די פעלזן פון די בערג און טאָלן צי ניט; עמאַנואל אָבער האָט זיך זיכער נישט געגנאַרט אין זיין חשבון: ער איז געגאַנגען אויף אַ „זיכערן בריק". דאָ האָט ער געפונען אַ גוט־רייפן באָדן, סיי פאַר זיין מסחר, און סיי דורך פאַרשיידענע פּאַרמיטלונגען, וואָס אים איז נאָר צום האַנט געקומען און . . . ס'איז אים אַוועק גאָרנישט שלעכט . . .

חוץ מזה, בעת די „גאָלד־יעגער", אַ גרויסער טייל פון זיי, זיינען גאַנצענע נעכט איבערגעלעגן אין די אויף גיך אויפגעשטעלטע שענקן און כלערליי „געמב־לניג"־סאַלאָנען, און ניט ווייניקע פון זיי האָבן פאַרשיכורט אָדער פאַרשפּילט זיי־ערע פאַרדינסטן, ביי פאַרשיידענע אַזאַרט־שפּילן וואָס איז דאָרטן פריי און אומ־געשטערט אָנגעגאַנגען; האָט עמאַנואל געקליבן אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר, געלעבט מיט אַ תכלית, און אין משך פון אַ קורצער צייט באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ ניט־קליינעם פאַרמעגן.

ווען דער „גאָלד־ראַש" האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָס גאָלד פון די מינען האָט זיך „אויסגעמעלקט", זיינען פון די צענדליקער טויזנטער, אַ סך „באַגליקטע" און נאָך מערער אנטוישטע, אוועקגעלאָזט זיך צו דער דאַן ווילדער און פאַרשייטער סאַן־פראַנציסקאָ, וואו די ווילדסטע ליידנשאַפטן און אימפּולסן האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער באַרימטער "באַרבאַראַ קאָוסט", מיט אירע זנות־„הייזלעך", וועלכע זיינען, צו יענער צייט, געווען אין פולן גלאַנץ און בליאונג...

אין דעם דאַן נאָך רוי־אַנטוויקלטן ווילדן מערב, אין אָט דעם פרייען פּאָרט — סאַן־פראַנציסקאָ, האָבן בראַווע מענער מיט ענערגיע און אַמביציע געהאַט כלערליי געלעגנהייטן, צו וואַקסן מיט דער ניי־אויפגעקומענער מעטראָפּאָליע — ביים פּאַסיפיק . . .

עמאַנואל, ווי געזאָגט, האָט די אַמביציע און ענערגיע געהאַט אין אַ גרויסער מאָס. האָט ער די געלעגנהייטן ניט געלאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן. מיט זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, צו יענער צייט, האָט ער ערשט דאָרטן גענומען זיך צע־פירן די הענט . . .

— ד —

גרויסע שטרעקעס ווירגינישע ערד, וואָס קיין אַקעראייזן האָט נאָך ביז דאַן ניט באַרירט איר אויבערפלאַך, האָט זיך ממש געבעטן מע זאָל איר אויפברעכן — איר טראַכט עפענען און פאַרזייען, כדי ארויסגעבן פון זיך די גאָט־געבענטשטע פּרוכט און גרינצייגן, צו זעטיקן די צענדליקער טויזנטער וואָס האָבן זיך געצויגן צו די ברעגן פון דעם פּאַסיפישן ים.

עמאַנואל האָט אָפּגעדונגען גרויסע שטרעקעס פון אָט דעם באָדן. אָנגעדונגען הונדערטער לאַנדלאָזע, הונגעריקע מעקסיקאַנער פויערן, וועלכע האָבן ניט נאָר אָנגעזען, ווען עס איז, צורת־מטבע, נייערט זעלטן געהאַט אָפּצועסן צו זאַט. מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישער פעאיקייט האָט ער איינגעשטעלט „פעלד־קיכן" אויף שטחים פון דעם לאַנד; אָפּגעקויפט פאַר א שיבוש אַלטע לייוונטענע געצעלטן, אויף צו הויזן די פעלד־אַרבעטער; אַריינגעבראַכט אַ „קאַראַוואַן" מיט פערד און אַקעראײַזנס און אַנדערע נויטיקע מכשירים; אָנגעשטעלט אַ צאָל „פאָרלייטע" אויף איינגעטיילטע „גענגס" און . . . די אָרעמע, פרימיטיווע, אָפּגעריסענע, פאַרוואָרלאָזטע מעקסיקאַנער, וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט פון דער נאָענטער מעקסיקאָ, און אויך קאַליפאָרניער מעקסיקאַנער, וואָס האָבן געלעבט דאַן, ווען קאַליפאָרניע איז נאָך מעקסיקאָ געווען. ער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון דער מיזערנער אָרעמשאַפט און צום ערשטן מאָל, אפשר, אין זייער לעבן, אַז זיי האָבן באַקומען זאַטע מאָלציַיטן און מענטשלעכע געלעגערס. אָט די ביז איצט פאַרגעסענע און פאַרוואָרלאָזטע איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט; האָבן געאַקערט, געזייט און געשניטן און אים אַריינגעבראַכט גרויסע רבחים, וואָס די גוטע זוניקע און פעטע ערד האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. במשך פון עטלעכע יאָר איז עמאַנואל באַוואוסט געוואָרן אלס דער תבואה־קיניג פון קאַליפאָרניע.

אין דערפאָלג האָט געפירט צו אַ צווייטן: עמאַנואל האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין אַנדערע פּראָיעקטן: הונדערטער טויזנטער אַקער לאַנד זיינען געלעגן און געפּוסטעוועט. וואַסער איז געווען לרוב, האָט מען אָבער געדאַרפט ברענגען דאָס וואַסער צום באָדן: האָט ער אָרגאַניזירט אַ קאָמפּאַניע פאַר איינצואָרדענען איריגאַציע סיסטעמען, געבויט דאַמבעס, פאַבריצירט רערן א.אַ.וו. מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג האָט מען געמוזט האָבן הייזער און בנינים, האָט ער אויך אין דעם געהאַט אַ האַנט. מיט זיין געניאַלן טאַלאַנט, פעאיקייט און וויזיע, איז ער געוואָרן דער "וויזאַרד" פון אונטערנעמונגען און איינער פון די אָנגעזעענסטע בירגער און אינדוסטריאַליסטן ביים פּאַסיפיק.

גרויס איז געוואָרן דער נאָמען עמאַנואל. זיין נאָמען האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל אין זיין סביבה און אין שטאַט. ער האָט געהאַלטן: „וואָס צו לייט איז צו לייט, און וואָס צו גאָט אין צו גאָט." דאָס רענדל בייטן צוליב רייכטום, פּרעסטיזש און כבוד, האָט ער מיט עקל פאַרוואָרפן און מיט אַזעלכע וואָס האָבן עס יאָ געטאָן, האָט ער נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. אין די פאָרכטיקע טעג, ראש־השנה און יום־כיפור, פלעגט ער אין זיין צוויי־פערדיקן געשפּאַן צופאָרן צום טעמפּל, און דערמיט יוצא זיין מיט זיין רעליגיעזער יידישקייט. צדקה האָט ער געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט; מנדב געווען אויף שפּיטאָלן און „קליניקס", יידישע און ניט־יידישע אַנשטאַלטן וכדומה.

אין „קאַמער פון קאָמערץ", וואָס ער איז געווען איינער פון די גרינדער, איז ער געווען דער איינציקער ייד, און פאַרנומען דאָרטן אַן אָנגעזען אָרט; סיי פאַר זיין פינאַנציעלן מעמד, סיי פאַר זיין קלוגן און פּראַקטישן שכל, און סיי ווי אַ פּיאָנער און בויער פון שטאַט.

אויבנאויפיק איז ער צווישן זיינע געשעפט־קאָלעגן, ניט־יידן, געווען רעספּעקטירט און כמעט ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, אָבער . . . אינטואיטיוו האָט ער געפילט אַז ער האָט צווישן זיי אַ צאָל שונאים, ניט־פאַרגינערס. כאָטש זיי

האָבן אנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן, האָט עס אָבער ניט אָפּגעהאַלטן עט־לעכע געוועזענע „ווידזשילאַנטיס״ *) מיט זייער איינגעוואָרצלטן פּאַראורטייל, אים צו „נידלען״ ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, און פאַררופן זיך אויף זיין יידישקייט; געגעבן אים אָנצוהערן אַז ער איז נישט קיין ״נייטיוו״ — אַ פרעמדער וכו׳ . . .

הגם אין האַנדלען מיט די כלערליי נאַטור־ווילדע, געזעץ־ברעכערישע און ס׳רוב אומקולטיווירטע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין יענער צייט פונם „גאָלד־ראַש״, אָן ביקס און רעוואָלווער אין ערגעץ נישט אַ קער געטאָן זיך; און עמאַנואל איז אַליין אויך געווען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן; דאָך האָט ער אָבער ניט פאַרלאָרן דעם צלם אלהים — די חשיבות צום מין מענטש. פון די אָפטע שטעך־באַמער־קונגען פון די אַזויגערופענע „קולטיווירטע״ ניט־יידישע פריינט זיינע, האָט ער זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, ביז ווייטיק. ער האָט עס נישט געקענט תופס זיין און אָפט געטראַכט:

— ווי שטאַרק גרויסמוטיק זאָלסט נישט זיין, ווי ברייט און פריי זאָלסט נישט טאָן פאַר דעם וואויל פון גאַנצן כלל, אָן חילוק פון גלויבן און ראַסע, איז אַלץ נישט גענוג פאַר „זיי״ . . . אין לעצטן סך־הכל — האָט ער נאָכגעטראַכט — האָב איך דאָך געטאָן מערער פאַר ניט־יידן ווי פאַר יידן, און דאָך קען מען אַלץ נישט יוצא זיין פאַר „זיי״ . . . פון דעם קלענסטן פגם אויף דיר, מאַכן זיי אַ באַרג, פאַרפינצטערן דיין געמיט, לייגן זיי דיר מכשולים אין וועג, באַליידיקן און דער־נידעריקן . . .

אפילו דאָס אָננעמען זיך פאַר אים פון אַ פאַר ניט־יידישע פריינט איז אים געוואָרן דערווידער . . .

אָפט פלעגט ער הערן זיי זאָגן:

— „אָ, הי איז נאָט סאָ בעד! — עמאַנואל איז עי גוד פעלאו!״ (ער איז נישט אַזוי שלעכט — עמאַנואל איז אַ וואוילער יונג.)

— „הי איז דיפערענט פראַם דהי רעסט אוו היס לאָט״ (ער איז אַנדערש ווי די איבריקע פון זייניקע).

אָט דאָס כלומר׳שטע פאַרטיידיקונג האָט אים נאָך מערער ווי געטאָן און באַליידיקט . . .

ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינגעוואָרצלטער געפיל פון פאַראורטייל קעגן יידן איז ביי זיי אַ סך שטאַרקער ווי דער גראַדער שכל, און ס׳האָט לגמרי נישט קיין זין מיט זיי צו רעזאָנירן . . .

— איז צו וואָס שטופּן זיך אין פרעמדע טירן? . . .

עמאַנואל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערווייטערן זיך פון זיינע ניט־יידישע פריינט, און מערער דערנעענטערן זיך צו אַ יידישער סביבה: — צו די וואָס טיילן דעם זעלביקן גורל ווי ער . . .

מיט זיין פאַרטיפן זיך אין דעם אייגענעם שטאַם און שורש, האָט ער וואָס אַמאָל מערער דערפילט זיך גייסטיק דערהויבענער; שלימות׳דיקער אין זיין דענקען, און אין זיינע האַנדלונגען — פרייער און אָן רעזערוואַציעס . . .

---

*) אַליין געקרוינטע אָרדענונג — היטערס, תיכף נאָך דעם „גאָלד ראַש פעריאָד״ פון וועלכע ס׳איז נאָכדעם ניט גאַר גרינג געווען פטור צו ווערן.

יעקב זינגער

# פון אַ צעשעדיקטן מוח

(פראַגמענט פון דריטן אַקט פון אַ דראַמע „אויף פרעמדע ערד“)

(ס'איז בין השמשות אויפן פרייען פעלד. דער הימל איז שטאַרק פּאָוואָלקנט. פון צייט צו צייט, דערזעען זיך בליצן און עס דערהערן זיך שטאַרקע דונערן. דאָ און דאָרט זיינען פאַראַןביימער. אויף אַן אומגעוואָרפענעם בוים זיצן צוויי פּרויען, מוניע און לייטשע. זיי באַדויערן זייער ביטער מזל. מיטאַמאָל קומט אריין דן. ער רעדט, אין איילעניש, צו זיך אַליין. ער בלייבט ראַפּטאָם שטיין און קוקט מיט ווילדע אויגן אין דער ווייטקייט אריין, ווי ער וואָלט געזען עפּעס אויסטער־לישעס. ער איז שטאַרק אָפּגעצערט. פון זיין שיטער, אויסגעשפּראָצט בערדל און פון די געקרייזלטע פאות, זעט זיך אַרויס אַ צאַרט פּנים. די שווארצע זשיפּעצע און די יארמעלקע זיינען אויף טייל ערטער אויסגעשימערט אין בלאָטע. ער פילט ניט און זעט ניט די צוויי פרויען וואָס זיצן אויפן קלאָץ. די פרויען ווידער, ווי נאָר דן איז אַריינגעקומען, זיינען זיי געבליבן שטיל און געווענדט זייערע בליקן אויף אים. זיי ווילן הערן וואָס ער רעדט).

דן: אַז ס'איז ניטאָ וואו צו גיין. ניטאָ וואו צו שטיין, ניטאָ קיין מקום מקלט, קיין מנוחה . . . צו וואָס ברעכן דעם קאָפּ מיט קשיות; ווער איך בין, וואָס איך בין? . . . אַז איך וועל שוין וויסן ווער איך בין, צי וואָס דאַרף איך וויסן? צי וואָס לוינט זיך מיר דאָס צו וויסן, וואָס איז עס בכלל מיין דאגה? . . . וואָס איז די נפקא־מינה, צי איך בין אַ בוים, צי בין איך אַ פערדל, אַ הינדעלע אונטערן שוחט'ס חלף, צי גאָר אַ שטויבעלע? . . . (שאָקלט זיך און זינגט צו מיט אַ בית־המדרש ניגון). עס שטייט דאָך געשריבן: אדם יסופו מעפר, וסופו לעפר . . . עס שטייט דאָך אָבער אויך, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן לויט דעם צלם אלהים . . . כא, כא! גאָט'ס צלם ליגט אין דער בלאָטע! אין דער בלאָטע ליגט גאָט'ס צלם! כי, כי, כי . . . כאָ, כאָ, כאָ . . . אין אַ פּאַסטקע, אין ערגעץ לאַנד ליגט דער צלם אלקים . . . כי, כי, כי . . . כא, כא, כי . . . (ער ווערט מיטאַמאָל אַנטשוויגן. ער שטעלט אָן אַן אויער און הערט זיך צו דעם דונערן). אפשר בין איך גאָר אַ גילגול? (פאַרקלערט זיך. מיטאַמאָל צעלאַכט ער זיך זייער שטאַרק). איך, דן בן יהודה אריה לייב הכהן, בין אַ גילגול פון דעם שוחט'ס טאָכטער! (בייזערט זיך אין חלל אריין). דעם שוחט'ס טאָכטער איז מיין הייליקע כלה!!! איך, דן בן יהודה ארייה לייב הכהן שטאַם פון מלכות כהנים! פון אַ גוי קדוש קום איך אַרויס! איך געהער צו דעם עם הספר! איך בין גאָט'ס נבחר! די בני ישראל, דאָס עם הנבחר איז שוין אַדורכגעגאַנגען שבעה מדורי גהינום און ליגט נאָך אַלץ אין דער בלאָטע! . . . (גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער ערד און צעוויינט זיך מיט א ביטער געוויין). אין תהו־ובהו, בלאָנדזע איך. אין שאול תחתיה פאַל איך. איך פאַל, איך פאַל אין אַ טיפן תהום . . . איך בין גאָרנישט. ווינט בין איך. איך פאַל ווי אַ קליינטשיק שטויבעלע .. . אַ בר־מנין בין איך. איך וועל זיצן שבעה. נאָך מיר אַליין וועל איך זיצן שבעה . . . (ער הייבט אָן רייסן דעם לאַץ פון זיין קאַפּאָטע. ער האָט אָבער ניט קיין כוח צו צערייסן). קריעה וועל איך רייסן! (עס גיט אַ בליץ און א דונער. ער גיט זיך אַ שטעל אויף און הייבט אָן

שרייען). ינים ויישן שומר ישראל! עס דרימלט און עס שלאָפט דער וועכטער פון ישראל! ער הערט ניט די געשרייען! די נאַכט נורעט זיך ווי אַ שוואַרצע קאַץ. די לבנה באהאלט זיך אין אַן אייזערנעם פאַס. (ער גיט א צי אויס ביידע הענט צום הימל און אויך דעם קאָפּ, אזוי, אַז ער זעט איצט אויס פיל העכער). אתה בחרתנו מכל העמים . . . האָסט אונדז אויסדערוויילט צו טראָגן אַלע התחייבותן, דעם גאַנצן עול פון דער תורה, אָפּצוהיטן אַלע תרי״ג מצוות ביז דעם קלענסטן קוצו של יוד און עס קימערט דיך גאָרנישט אונדזער גורל?! . . . (ער רייבט מיט ביידע הענט דעם שטערן און דעם שאַרבן, ווי עס וואָלט אים דאָרט שטאַרק וויי געטאָן. מיטאַמאָל גיט ער אַ צי אויס זיין האַנט אין דער ווייטקייט אַריין). גוואַלד! גוואַלד, יידן! יעקב׳ס לייטער פאַלט! (ער לויפט אַרום דערשראָקן). וואָס טוט מען?! וואָס טוט מען?! די מלאכים וועלן ניט קענען גיין הין און קריק . . . (ער קוקט דערשראָקן אין דער זעלבער ריכטונג). די מלאכים וועלן נאָך חס וחלילה אַראָפּפאַלן אין תהום . . . (ער ציט אויס די הענט צום הימל און בעט זיך). בורא העולם, באַשיץ די מלאכים אַז זיי זאָלן ניט צעברעכן זייערע שאַרבנס . . . ממעמקים קראתיך ד׳ . . . (עס הערט זיך אַ שטאַרקער דונער. ער פרובירט איבערשרייען דעם דונער). מאַך אַז די זון זאָל בלייבן שטיין אין גבעון און די לבנה אין דעם עמק אילו ווי דו האָסט געטאָן אין ישעיה׳ס צייט . . . (עס בליצט און עס דונערט. ער פאַלט כורעים און וויינט). די בערג ווערן צעריסן. די טאָלן ווערן אָנגעפילט מיט הרוגים. אַלץ ווערט פאַרוויסט דורך פייער און שווערד. (וויינט. מיטאַמאָל גיט ער אַן אויסגעשריי). עד אנה ד׳ שועתי — ביז וואַנען, גאָט וועל איך שרייען?!!! (שלוקעכצט מיט אַ העשעדיק געוויין). דער איבערבלייב פון יעקב איז צווישן די אומות העולם, ווי אַ ציגעלע צווישן חיות רעות . . . (ער איז שטיל אַ ווײַלע, און ווידער מיט א געוויין). אפשר האָב איך געזינדיקט? . . . אפשר האָבן מיר אַלע געזינדיקט? . . . ניין! דער שופט כל הארץ שטראָפט ניט אומזיסט. (גיט זיך אַ שטעל אויף און לויפט איבער דער בינע ווי אַן אָפּגעבריטער). א כופר בין איך. אַ כופר בעיקר. שמוציק איז מיין לייב און זינדיק מיין נשמה . . . (עס דערהערט זיך ווי א גראָבע צווייג ברעכט זיך פון אַ בוים). מען דאַרף מיך ברענען און בראָטן. אויף אַ שטעכבעטל דאַרף מען מיך אַוועקלייגן. מיט הייסע סמאָלע דאַרף מען מיך באַגיסן. חטאתי כל הימים . . . (ער בלייבט שטיין און רייבט זיך דעם שאַרבן, ווי עס וואָלט אים דאָרט שטאַרק וויי געטאָן). בנפשו יביא לחמו . . . יביא לחמו . . . (מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ ווענד צו גאָט). רבונו של עולם, איז דען מעגלעך געוועזן, אַז א ייד זאָל קענען אָפּהיטן אַלע חוקים, אַלע דינים און זיין אַ צדיק אין אַ וועלט וואָס איז קטני אמונה. אַ וועלט וואו עס גע־וועלטיקן אַזויפיל הפקרות, רשעות און שקר? . . . אַב הרחמן, דו ביסט דאָך דער בעסטער עדות, אַז דאָס איז ניט מעגלעך. פאַרוואָס זאָלסטו אונדז אַזוי שטאַרק שטראָפן? איך ווייס אַז איך בין זינדיק. דו אָבער, ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון . . . זיי מבטל אַלע גזרות און שיק דעם שר של שלום . . . (פאַלט אוועק מיטן פנים צו דער ערד און אויסגעשעפטער און וויינט). ווי אזוי פאַרריכט מען דעם לייטער, אַז די „מלכים״ זאָלן חלילה ניט אַראָפּפאַלן אין תהום . . . צי „מזיק׳ן איינס ס׳אַנ־דערע. די רמ״ח אברים צעברעכן . . .

**מוניע:** (זיצט מיט פאַרלייגטע הענט און זיפצט. ווענדט זיך צו לייטשע וואָס זיצט לעבן איר). משוגע געבעך. אַן אומגליקלעכער מענטש. קומט פון אַ

**שיינער משפחה. געווען שטיל ווי אַ טויב. גאָטעניו, האַרציקער, ווי אַזוי איז דאָס געשען?**

**לייטשע: איר ווייסט דאָך, אַז ער איז געווען אין ווין, ווען די נאציס, ימח שמם, זיינען אריין. אַ וואָך שפּעטער האָט ער געזאָלט אַהיימפאָרן חתונה האָבן מיטן שוחטס טאָכטער. אין מיטן דערינען האָט ער זיך דערוואוסט אַז די דייטשן האָבן פאַרשלעפּט זיין כלה אין די קאַזאַרמעס. די יונגערע שוועסטער זיינע, האָבן זיי אויך פאַרשלעפּט. זי, צירעלע האָט גלייך איינגענומען סם. איבערגעלאָזט אויף הפקר צוויי יתומים.** (ווישט די אויגן מיטן פאַרטעך).

**מוניע: וויי איז מיר. פינצטער און ביטער איז אונדז אַלעמען.** ((ווישט די אויגן).

**לייטשע: וואַרט, דאָס איז נאָך ניט אַלץ: אין מיטן דערינען, הייבט ער זיך אויף, זאָגט קיינעם ניט קיין וואָרט און לויפט אַהיים זיי ארויסראַטעווען פון די גזלנים.**

**דן:** (עס גיט אַ שטאַרקער דונער. ער גיט זיך א שטעל אויף. האלט צו מיט איין האנט דאָס קאפּל, אַז עס זאָל ניט אראָפּפאלן פון קאָפּ און מאַכט שנעל אַ ברכה). **ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם שכוחו וגבורתו מלא עולם.** (ער לויפט ווי אַ דערשראָקענער). **עס וועט ברענען ווי אויף א גרויסן מזבח. די וועלט איז אריינגעפאַלן אין גהינום. מיט אַ יד חזקה וויל ער אומברענגען זיין עם קשה עורף . . .** (ער זוכט עפּעס אין דער הויזנקעשענע. ער נעמט ארויס אַ בייטעלע מיט געלט און אַ לאַנג שוועבעלע. ער ציט אויס די האנט מיטן שוועבעלע צום הימל. אין דער רגע גיט אַ בליץ). **נא, נאדיר א זאפּעלקע! צינד אָן די וועלט! מאַך אַ גרויס פייער . . . כא, כא, כא . . . כי, כי, כי . . . מיט קולות וברקים וויל ער אונדז אומברענגען . . . עס וועט ניט זיין קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. קיין שבת און קיין יום־טוב! . . . כאַ, כאַ, כאַ . . . עס וועט ליאַבערן מיט פעך און שוועבל.** (ער האלט זיך ביים קאָפּ). **פייערדיקע שטיינער וועלן פאלן אויף די קעפּ . . . און גאָט האָט געמאַכט רעגנען אויף סדום און עמורה מיט פייער און שוועבל.** (ער לייגט אַרויף ביידע הענט אויפן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרהיטן פון די פאַלנדיקע שטיינער). **קראָען וועלן פליען איבער די קעפּ. קרא, קרא, קראאא . . . אָנגעוואוירן דעם זכות הקיום . . .** (בלייבט שטיל מיטאַמאָל). ער רייבט זיך דעם שטערן). **איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט און איך קען ניט תופס זיין גאָט׳ס דרכים. פאַר מיר איז דאָס אַ רעטעניש. אַ גרויסער סוד איז דאָס פאַר מיר . . .** (שטעלט זיך אוועק אין אַ זייט. עפנט אויף דאָס בייטעלע, נעמט ארויס משבעות און הייבט אָן ציילן פון איין האַנט אין דער צווייטער אַריין).

**מוניע: ווינד און וויי. אַזאַן אומגליק, אזאן אומגליק. גאָטעניו, ווי אזוי קומט ער אהער?**

**לייטשע: מיינסט אפשר אַז ער איז געווען אין דער היים? עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. באַלד ביי דער גרענעץ האָט מען אים פאַרהאַלטן. אַזוי ווי מען האָט ביי אים געפונען אַ ווינער איינמעלדונגס שיין, האָט מען אים געהרגעט און גע־שלאָגן און אים אַהערגעבראַכט מיט יענער פאַרטיי, וואָס איז אָנגעקומען פאַראַכטאָגן פרייטיק. דאָס האָט מיר דערציילט חיה שרה וואָס וואוינט מיט משה דוד׳ס ווייב, דאָרט אין גרוב. זי האָט מיר אויך דערציילט . . .**

**דן:** (רייסט איבער איר געשפּרעך. ער ענדיקט ציילן די מטבעות. ער דער־

נעענטערט זיך צו דעם צענטער פון דער בינע). **צוויי און פופציק. דריי און פופציק. פיר און פיפציק.** (פאַרטראַכט זיך אַ ווייל). **פלאַי־פלאַים. פונקט פיר און פופציק . . . שלושה פעמים ח״י . . . דריי מאָל צום לעבן . . . דן . . . כא, כא, כא. דלת נון, דו . . . דן מיינט פיר און פופציק. שלושה פעמים ח״י. דריי מאָל צום לעבן. כי, כי, כי . . .** (ער לייגט אריין דאָס בייטעלע מיטן געלט צוריק אין דער הויזן קעשענע). **דריי לעבנס האָט דן, בן יהודה אריה לייב הכהן. כאַ, כאַ, כאַ . . . אוי, אוי, אוי . . . דריי לעבנס. פלאַי־פלאַים. אַלעמען איברלעבן. כי, כי, כי.** (ער גיט אַ לייג אַרויף זיינע הענט אויפן קאָפּ און שרייט אויס ווילד). **אוי, מאַמע, מאַמעשי, פייערדיקע שטיינקוילן פאַלן מיר אויפן קאָפּ! איך וועל דאָס ניט אויס־האַלטן!** (בלייבט שטיין אין מיטן דער בינע און וויינט). **גוואַלד, וואָס טוט מען? . . . מנחם, משיח, ווייסט דאָך ניט קענען קומען צורייטן אויף דיין ווייסן פערד. עס רעגנט דאָך מיט פייערדיקע שטיינקוילן.** (האַלט די הענט אויפן שאַרבן). **מיט גאַנצע צעבערס נאַפט רעגנט! . . . מענטשלעך בלוט איז ביליקער פון נאַפט, נאָך ביליקער פון שטיינקוילן און אפילו פון ים־וואַסער.** (ער פאַרגלאַנצט ד אויגן ווי ער וואָלט געזען אַ וויזיע) **פייערדיקע היישעריקן וועלן פאַרשטעלן די זון. די וועלט וועט ווערן אַ באַרג מיט אש, וועט זי ווערן . . . מיין קאָפּ קען דאָס ניט באַנעמען . . . אהא . . .** (ווערט ערנסט) **אין פמליא של מעלה קומט פאַר אַ פלוגתא . . . אַ וויכוח האָבן זיי דאָרט, מע שפּאַרט זיך. איך גיי מיך שטעלן דאַוונען מנחה.** (אָפּלויפנדיק אין אַ זייט, ציט ער ארויס פון קעשענע אַ גאַרטל און וויקלט ארום זיין לענד. ער האַלט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אָן א בוים און זאָגט): **אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה . . .** (דאָס ווייטערדיקע מורמלט ער אונטער).

**לייטשע:** (שטעלט זיך אויף). **עס גייט באַלד ווערן אַ גרויסער שטורעם. איך וועל אַהינגן זען וואָס די קינדער טוען.** (ווייזט אויף דנ׳ען) **איר דאַרפט ניט קיין מורא האָבן פאַר אים. ער טשעפּעט קיינעם ניט. אדרבה, ווען דער משוגעת איז אָפּגעטאָן פון אים, איז ער שטיל און שפּילט זיך אַזוי שיין מיט די קינדער. יעדן אין דער פרי זאָגט ער מיט זיי מודה אני . . .**

**דן:** (גיט אַ געשריי אויס אין מיטן דאַוונען. נאָכדעם מורמלט ער ווייטער). **ובאָ לציון גואל . . .**

**מוניע:** (שטעלט זיך אויך אויף. רעדט מיט רעזיגנאַציע). **זאָל קומען אַ שטור־רעם. זאָל קומען א ווינט. זאָל שוין קומען וואָס עס וויל. איך האָב מער ניט קיין כוח צו וואַלגערן זיך אויף פרעמדער ערד . . .**

**לייטשע:** מיינע רייד. **אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער און צווישן אייגענע, אין אַן אייגענער היים צו זיין. אָבער וואָס זאָלן מיר איצט נעבעך טאָן? און די קינדער נעבעך . . .**

**דן:** (רייסט איבער זייער געשפּרעך). **עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואימרו אמן.** (ער דערזעט צום ערשטן מאָל די צוויי פרויען. ער גייט צו נעענטער צו זיי).

**מ׳דאַרף ניט אַריינפאַלן אין קיין עצבות.**
**מ׳דאַרף גובר זיין דעם יצר הרע פון אבלות,**
**ווייל איידער א ייד דערגרייכט די עליה,**
**גייט ער א דורך מיט מסירת נפש, א ירידה.**

איר וועט בקרוב קענען דערציילן אין פריידן,
אייערע קינדער און קינדס קינדער,
פון אייערע פיינען און פון אייערע ליידן,
אויך פון גאָט׳ס נסים און זיינע וואונדער.
פאַרהאַנג לאָזט זיך שנעל אַרונטער.

---

יצחק ניומאַן

# משה

(לכבוד פסח)

משה איז איינער פון די גרעסטע פיגורן אין דער יידישער, ווי אין דער וועלטליכער געשיכטע, אויב ניט דער גרעסטער . . . משה איז דער געטליכער נביא, דער פאָטער פון די נביאים . . . משה איז דער געזעצגעבער וואָס זיין תורה איז די עמבריאָ פון אַלע וועלט רעליגיעס... משה דער באפרייער, דער גרעס־טער עמאַנסיפּאַטער וואָס איז ווען געווען, קיינער פון די וועלט געשיכטעס קענען ניט רעקאָרדירן אַן ענליכן ביישפּיל פון באַפרייען אַ גאַנץ פאָלק פון קנעכט־שאַפט. משה דער פירער — וואָס האָט איינצעלנע שבטים מיט אַ געמישטן ערב רב אָרגאַניזירט צו די געזעלשאַפטליכקייט פון יעקבס געצעלטן און געפירט זיי דורך אַ מדבר צו פאַרשפּראָכענעם לאַנד . . .

מעג זיך אַ מאָדערנער פסיכאָלאָג באַמיען צו באַווייזן, אַז משה איז געווען אַ מצרי, מעג אַ געוויסער יידישער דענקער טייטשן, אַז די געשיכטע משה איז אויסגעשפּונען פון די פאָלקס לעגענדע, ווערט אלץ משה׳ס אימפּאַזאַנטע ראָלע אין די ראַמען פון וועלט פּראָגרעס, ניט געמינערט אַ האָר. עס איז ווי פּרובירן אויסלעשן די זון, ווי זיך נעמען אויסשעפּן דעם ים, אפילו דאָס וואָס משה׳ס נאָמען איז ניט דערמאָנט אין די הגדה, באהאַלט ניט דעם פאַקט, אַז משה איז דער העלד פון יציאת מצרים, אַלע ווייסן ווער עס איז געווען דער באפרייער פון פּרעה׳ס קנעכטשאַפט . . .

2

באַלד פון קינדערהייט אָן איז פּרעה׳ס הויז, אַזוי גיך ווי ער דערוויסט זיך פון זיין אָפּשטאַם, באַזוכט ער די יידישע געטאָ גושן, ער זעט דעם ביטערן מצב פון די יידן, און עס דערוועקט זיך אין אים אַ געפיל פון עקל און שוידער צו קנעכטשאַפט און שקלאַפעריי, און ביי משה׳ן שטראַלט אויף אין געדאַנק אַ פּלאַן פון אַן אויפשטאנד קעגען די באַדריקער, און ער ווידמעט זיין לעבן צו אָט דער באַפרייאונגס אידייע. ער קען קיין עוולה ניט פאַרליידן, זעט ער ווי אַ מצרי פייניקט אַ ייד, צינדט זיך ביי אים אָן דער כעס, ער שלאָגט דעם מצרי און שטעלט זיין לעבן אין סכנה, ער אַנטלויפט, און משה קומט אָן אין מדיון, דאָרט האָט ער חתונה מיט צפורה, יתרוס טאָכטער, און ווען משה פּאַשעט די שאָף פון זיין שווער, מעדיטירט ער, פאַנטאַזירט און חלומט: ער טראַכט און קאָנטעמפּלירט פון דעם טאָג, ווען ער וועט די יידן אַרויספירן פון מצרים און זיי מאַכן פאַר פרייע מענטשן .. .

ער זעט אין וייטן דיסטאַנץ אַ פייערדיקן דאָרן; טראַכט ער, עס איז גאַנץ סימ־באַליש: — צו אַ דאָרן איז מיין פאָלק געגליכן, זיי ווערן פאַרדאַמט, פאַרצערט . . .

און פלוצלינג ווערט דער אַנגעצינדענער דאָרן פאַרוואַנדעלט אין אַ פלאַמיק פייער, און ביי משה׳ן אין האַרצן ברענט דער פייער פון פיבערדיקן עקסטאַז, ער וואַרפט פון אויפרעגונג אַראָפּ די שיך פון זיינע פיס, און מיט גרויס ציטער בעט ער צו גאָט — „זאָל חלילה מיין פאָלק ניט פאַרצערט ווערן", און פון ווייטן הערט זיך אַ קול וואָס רופט: — „משה בן עמרם! גיי צו פרעה׳ן, זאָג אים — גאָט האָט דיך געשיקט ער זאָל די יידן אַרויסלאָזן פון מצרים, און דו, משה, זיי ניט בלויז זייער באַפרייער, נאָר אויך זייער פירער . . .

3

יציאת מצרים איז די גרעסטע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע. עס איז אויך דער גרעסטער נס, דער שטאַרקסטער מופת. דער ערשטער געבאָט פון די עשרת אָדברות איז: „אנכי, איך בין דער גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים"; טאַקע מיט אַ יד חזקה", אַ שטאַרקע האַנט, אָבער אָן משה׳ס פירערשאַפט, וואָלט עס ניט מעגליך געווען.

משה איז בטבע געווען אַ פרידליכער מענטש, ער האָט ליב געהאַט אמת און פרייהייט, און מיט אַ ליידנשאַפטליכן סימפּאַטישן געפיל צו פרעמדע, צו שוואַכע און אונטערדריקטע.

ווי ס׳איז פאַרשריבן, האָט משה גאָר ניט געוואָלט זיין אַ פירער, אָבער דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען; ער האָט באַזיגט פרעהן. כאָטש ער איז קיין איש מלחמה ניט געווען.

דער העכסטער אַטריבוט וואָס די תורה זאָגט אויף משה׳ן: „והאיש משה עניו מאד" — ער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, אַלץ וואָס משה האָט פאַרטראַכט, האָט ער גערעדט ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נייערט — אין גאָטס נאָמען: „וידבר ד׳ אל משה", און ער האָט גערעדט דירעקט צום פאָלק אויף אַ דעמאָ־קראַטישן אופן: „וידבר אל בני ישראל".

משה איז אויך געווען ווייט פון קנאה, ווען ער הערט אַז אלדד און מידד זאָגן נביאה אין דער מחנה, ווערט משה ניט אין כעס (ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן) נאָר גאָר פאַרקערט, אים טוט גרויס הנאה, און משה זאָגט: הלואי זאָלן אַלע יידן זיין נביאים, און פאַר זיין עניוות, האָט די געשיכטע אים באַצאָלט מיט אַ צאָל רייכע כיבודים און אים גלאָריפיצירט אין משך פון די דורות. די פינף ביכער פון חומש רופן זך תורת משה, דער פרק הויבט אָן „משה קבל תורה מסיני" וואָס אַ גרויסער דיכטער זאָגט אויף דעם: „קליין איז געווען דער באַרג סיני ווען דער גרויסער משה, דער געטליכער נביא איז „געשטאַנען אויף אים" . . .

4

איינער פון די דרייצן עיקרים, דער זיבעטער אני מאמין איז: „די נביאה פון משה רבנו איז אמת, און משה איז דער גרעסטער פון אַלע נביאים", און דער זוהר זאָגט אויף דעם: „משה רבנו האָט געקוקט דורך קלאָרע אויגן, און געזען גאָטס פנים, בשעת אנדערע נביאים האָבן געקוקט דורך אַ וואָלקן . . . אכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות זיינען געווען, און קיינער פון זיי האָט ניט צוגעגעבן אָדער עפּעס אַרונטער גענומען פון די לערע פונם פאָטער פון די נביאים, וואו ס׳איז באַשריבן אין תורת משה אַלע משפטים און געזעצן. און קיין זאַך האָט משה ניט אויסגעלאָזן פון די תורה, אַזוי קלאָר אויסגערעכנט איז געווען זיין זאָרג פאַרן וואוילזיין פון יעדן יידישן יחיד, אַפילו די טעגליכע שפייז דיעטאָ,

איז פאַרשריבן אין די תורה. די לעגענדע דערציילט: „ביז משה האָט געלערנט די יידן וואָס, ווען, און ווי אַזוי צו עסן, זיינען זיי געווען גלייך מיט אַלע אַנדערע פּרימיטיווע פעלקער, וואָס האָבן געפּיקט ווי די היבער גאַנצע טעג, און וואָס האָט זיי מקצר ימים געווען. אָבער משה האָט געלערנט און געוויזן דעם וועג פון אַ היגעניש לעבן, אַז עסענס, ריין פון בלוט איז כשר, און דאָס וואָס איז שעדליך פאַרן געזונט איז טריפה און טמא, און די תורה איז געגעבן צום לעבן „וחי בהם" צו זיין געזונט און גליקליך.

5

די לעצטע יאָרן פון משה'ס לעבן זיינען געווען טראַגישער און שווערער ווי דער קריעת ים סוף, ווי דער יציאת מצרים. פאַר פרעה'ן האָט משה באַוויזן וואונדער כדי צו געווינען צוטרוי, און מיט די יידן — האָט משה געהאַט אויס־צושטיין, זייער עקשנות און זייער ווידערשפעניקייט. כמעט יעדן טאָג האָט ער געמוזט ווייזן נייע ניסים, ער האָט געשלאָגן דעם שטיין צו געפינען וואַסער, זיי אַראָפּגעבראַכט מן פון די הימלען, און פייגל־פלייש, פון די לופטן צו זעטיקן זייערע אַפּעטיטן, און צו שטילן זייער דאָרשט פון נאָסטאַלגישע בענקשאַפט נאָך די טעפּ פלייש פון גושן. אָבער גרעסער פון אַלע צרות איז געווען דאָס, וואָס דער דור המדבר האָט ניט נאָכגעפאָלגט די לערע פון זייער גרויסן פירער, וואָס האָט געוואָלט זעען דעם יידישן פאָלק אַלץ אַן עם סגולה און אגוי קדוש; אַ מוסטער פאָלק פון אַ הויכע, עטישע, סאָציאַל־יושרדיקע געזעלשאַפט, און דעם גלויבן אין אַן אַבסטראַקטן גייסטיקן גאָט. אָבער זיי — די פון דור המדבר האָבן געזוכט גאָלדענע עגל'ס, מאַטעריאַליסטישע געטער. און משה דער נביא, דער פירער, שטראָפט, מוסרט, און בייזערט זיך, ער קען ניט חנפהנען און מאַכן קאָמפּראָמיסן, ווי זיין ברודער אהרן, דער כהן, וואָס איז גרייט אַלץ נאָכצוגעבן דעם פאָלק צוליב שלום, דאָס איז דער חילוק צווישן דעם פון אמת, און דעם זוכער פון שלום, מענטשן בכלל האָבן פיינט דעם אמת, זיי האָבן ליב ווען מען מאַכט זיי קאָמפּלי־מענטן. ווי ווייט די באַציאונגען פון פאָלק זיינען געווען ניט אַזעלכע וואַרעמע צו זייער פירער קאָן מען זען; ביי משה'ס טויט שטייט „ויבכו העם את משה", — דאָס פאָלק האָט באַוויינט משה'ן, אָבער ביי אהרן„ס טויט שטייט „ויבכו העם ואת בית ישראל", — אויך דאָס גאַנצע הויז־געזונט פון ישראל.

6

און משה פאַרן טויט געזעגנט זיך מיטן פאָלק, ער רעדט האַרבע ווערטער: „איר זייט ווידערשפעניגער, איר זייט עס געווען ביי מיין לעבן, אַ פּשיטא שוין נאָך מיין טויט", — דערפאַר מיין שטעלפאַרטרעטער יהושע, געדענקט — האַלט זיך פעסט און זיין אַנטשלאָסן, איך וויל ניט שטאַרבן, וואָס וואָלט איך ניט געטאָן צו קענען אַריינפירן די יידן אין לאַנד כנען, דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, אָבער עס איז דער גורל אַזוי, איך האָב פאַרזינדיקט קעגן בורא, איך האָב געוואַגט די דרייסטקייט צו פרעגן גאָט זיין נאָמען, ווי מען רופט אים, קיינער פון די אָבות פאַר מיר, ניט אברהם ביים נסיון פון קאַלכאויוון, אויך ניט יצחק ווען מען האָט אים געפירט צו די עקידה, און יעקב ווען רחל איז אים געשטאָרבן אין מיטן וועג, זיי האָבן ניט געפרעגט גאָט'ס אידענטיטעט, אָבער איך! דער נביא אין מיר האָט גערייצט מיין פאָעטישן און פילאָסאָפישן נייגיר צו וויסן גאָט, און אָט קום איך איצט אָפּ מיין שטראָף, נישט צו זעען די פאַרווירקליכונג פון מיין אידעאַל . . .

משה איז געשטאָרבן זאַט אין יאָרן, די לעגענדע דערציילט: ער איז גע־שטאָרבן מיט אַ הייליקן קוש, דאָס מיינט — אויסגעשלאָסן פון ערדישעס, און די באַהעפטונג מיט גייסטיקייט. קיינער ווייסט ניט משה׳ס קבר — אָבער זיין תורה, תורת משה איז דער גרעסטער מאָנומענט — אַן אייביקער דענקמאָל און אַ ירושה פאַר די דורות.

---

אברהם באַביטש

# פעדער-שפּריצן

דער דערפאָלג וואָס מרדכי שטריגלער האָט געהאַט אין ל. א. האָט אַזוי אָפּגעקלונגען איבערן לאַנד, אַז אַלע דיכטער פון גאַנץ אַמעריקע שרייבן אַהער בריוולעך און בעטן מען זאָל זיי ברענגען קיין ל. א.

---

חבר זילבערצווייג זאָגט, אַז באַביטש האָט אָנגענומען פאַר וויצע פּרעזידענט פון קולטור קלוב וויל פרידלאַנד האָט אָנגענומען וויצע פּרעזידענט פון פּרץ הירשביין צווייג. עס וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע איןביידע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי ביידע חלילה נעמען ניט אָן.

---

חבר באַביטש זאָגט, אַז זיין אַ וויצע פּרעזידענט איז טאַקע אַ כבוד, נאָר דאָס וואָס מען דאַרף זיצן אויבנאָן און מען קאָן ניט צומאַכן מיט קיין אויג, איז שוין גאָרניט קיין פאַרגעניגן.

---

אין אַ געשפּרעך מיט אַ יידישן זשורנאַליסט האָט אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט געזאָגט, אַז יידן און אַראַבער זיינען שולדיק אין אַלע געשעענישן אין ישראל: — קלוג ווי דער טאָג, ווען דאָרט וואָלטן געווען נישט קיין יידן, נישט קיין אַראַבער, וואָלטן קיין געשעענישן נישט פאָרגעקומען.

---

אַ ייד האָט פאָרגעשלאָגן אַ נייע תפילה פאַרן יידישן פּאַרלאַמענט אין ישראל. — באַשיץ אונדז פון אונדזערע היץ־קעפּ, — פון די פרעמדע וועלן מיר זיך אַליין היטן.

---

דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט ענדלעך עפּעס געטאָן וועגן יקרות. זיי האָבן באַשטימט פאַר זיך אַ העכערונג אין געהאַלט.

---

אויף דער יידישער שרייבער־גאַס איז געוואָרן אַ נייע עפּידעמיע. שרייבער שרייבן איצט נאָר פאַר אַ פּרעמיע.

---

די ציייטונגען באַריכטן אַז 60 מיליאָן מענטשן הערן און קוקן זיך צו צו „טעלעוויזשאָן" אין אַמעריקע. ענדלעך וועט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק ווערן „פּרייז־פייט" באַוואוסטזיניק.

---

אַ צוריקגעשטאַנען פאָלק איז דאָס וואָס האָט ניט פּרובירט באָרגן קיין געלט פון אַמעריקע.

---

אַמעריקע איז שוין היינט ניט מער קיין „מעלטינג־פּאָט" ווי אַמאָל, נאָר אַ „פּרעשור קוקער" (עס קאָכט זיך אַליין אויס).

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. זוכט שוין ווידער אַן אָר־גאַניזאַטאָר פאַר דער יוגנט. האָט דער פאָרזיצער חבר דייטש געבעטן אַריינשטעלן די פאָלגנדיקע באַקאַנטמאַכונג: — פאַרלאַנגט אַ פּעאיקן יונגן אָרגאַניזאַטאָר, זאָל קענען רעדן יידיש, ענגליש, העברעאיש, דאַרף אויך קענען זינגען און טאַנצן, דאַרף באַזוכן חתונות און לוויות, דאַרף האָבן אַ קאַר אָפּצופירן די מיט־מיטגלידער אַהיים נאָך די מיטינגען. קען מאַכן אַ „פאָרטשון״, ווען ער זאָל נאָר אַריינגעמען געגוג מיטגלידער.

---

## ליטעראַרישע נאָטיצן

אין סוף חודש אָקטאָבער, פ. י., האָט דער באַוואוסטער שריפטשטעלער, און רעדאַקטאָר פון „יידישער קעמפער״, מרדכי שטריגלער, געוויילט דאָ אין ל. א. און איז דאָ אויפגעטראָטן מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע רעפעראַטן. דעם היגן קאָנסול פון נאַצ. ארב. פאַרבאַנד קומט באמת אַ יישר כוח פאַר אראָפּברענגען שטריגלערן צו אונדז.

---

לכבוד דער דערשיינונג פון מאַני־לייבס געזאַמלטע שריפטן אין צוויי בענד, וואָס דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס האָט ארויסגעגעבן, האָט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איינגעאָרדנט א מאַני־לייב ליטעראַטור אָוונט. דער באַקאַנטער קולטור עסקן, שלמה האָכבערג, האָט רעפערירט איבער מאַני־לייבס שאַפונגען; דער וואָרט־קינסטלער א. זיגלבוים האָט פּרעכטיק פאָרגעטראָגן פון מאַני לייבס לידער און באַלאַדן; די פיינע אויסטייטשערין פון יידישן ליד, פייגעלע פאַניטץ, האָט געזונגען פון מאַני־לייבס לידער. מיט ביאָ־ביבליאָגראַ־פישע באַמערקונגען פון מאַני־לייבן האָט פאָרגעטראָגן דער פאָרזיצער פון אָוונט, י. פרידלאַנד. ביים אָוונט זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן א צאָל מאַני־לייבס ביכער.

אגב זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אונטער דער איניציאַטיווע פון א גרופּע קולטור טוער, איז דאָ געשאַפן געוואָרן א סומע פון אכט הונדערט דאָל. פון אבאָנענטן, אין פאָראויס, איידער די אויסגאַבע איז דערשינען. — אַ יישר כוח צו די פאַרשפּרייטער און אָפּנעמער פון יידישן בוך.

---

די מיטגלידער פון נאַצ. ארב. פאַרבאַנד, און יידישע יידן אין ל. א. בכלל, וועט פרייען צו וויסן, אז דער פאַרלאַג פון פאַרבאַנד האָט ארויסגעגעבן אַ ניי בוך פון חיים שויס, „היסטאָרישע שריפטן״, אונטער דער רעד. פון אפרים אויערבאַך. חיים שויס ע״ה איז פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר געווען דאָ אַ תושב און זיין פרוי און קינדער, זיי צו לאַנגע יאָר, וואוינען אין ל. א.

---

### שמואל ניגער ע״ה

אַן איינדרוקספולע הזכרה נאָך דעם בארימטן שריפטשטעלער און ליטע־ראַטור קריטיקער, ש. ניגער ע״ה, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן שבת אָוונט דעם 4טן פעברואַר, צום שלושים. אַן עולם בערך פון א 600 יידיש יידן, לייענער און פאַרערער פון דעם גרויסן נפטר זיינען געקומען צו דעם הזכרה אָוונט, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די הויפּט יידישע קולטור אָרג. דאָ אין שטאָט. מיט אַן אָפּשאַצונג איבער ש. ניגער איז אויפגע־

טראָטן זלמן זילבערצווייג; אברהם זיגלבוים האָט געלייענט אַן עסיי פון ש. ניגער; י. רויטבלום האָט געלייענט אַ קאַפּיטל תהילים; עמוס הירשביין האָט בייגעטראָגן פּאַסיקע פּיאַנא נומערן; ס. בוטקעוויטש, פאַרזיצער פון אָוונט, האָט מיט חשיבות און זאַכלעך געעפנט און געשלאָסן די הזכרה. דער אָוונט האָט ביי אַלעמען גע־לאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן טיפן רושם.

---

די צענטראַלע פון אַר. רינג אין ניו יאָרק האָט ארויסגעשיקט דעם באַ־רימטן דיכטער, איצט מאַנגער, אויף אַ טורנע איבערן לאַנד; האָבן מיר דאָ אויך געהאַט די זכיה צו הערן דעם חשובן דיכטער אין אַ פּאָר רעפעראַטן. א שאָד וואָס דער היגער אַר. רינג האָט ניט ארויסגעגעבן וועלכע ס׳איז ידיעות פאַראויס וועגן מאַנגערס קומען, און נישט געמאַכט קיין פאַרבינדונגען מיט די היגע קולטור אָר־גאַניזאַציעס, כדי ווי געהעריק צוגרייטן אַ סעריע לעקציעס פאַר אים, ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט די שריפטשטעלער ל. פיינבערג, מנשה אונגער און מרדכי שטריגלער. מאַנגער האָט געוויילט דאָ בלויז קורצע צען טעג.

אַן אינטימער געזעגענונגס אָוונט מיטן דיכטער איז אויך פאָרגעקומען אין הויז פון די שטענדיקע מכניסי־אורחים פון אונדזערע ליטעראַרישע געסט — וועלוול און ליזע שאַר, וואו דער חשובער דיכטער האָט גערעדט וועגן מאַני־לייבס לידער און באַלאַדן.

---

דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג אין ל. א. האָט איינגעאָרדנט אַ סעריע פון זיבן ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטן (נוסח מלוה מלכה), אָנהייבנדיק שבת דעם 11טן פעב. ביז שבת אָוונט דעם 24טן מערץ, 1956.

---

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב האָט זינט דער דערעפענונג פון זיין 30טן זמן, פון שבת דעם 5טן אָקטאָבער, 1955 ביז שבת דעם 31טן מערץ, 1956, דורכגעפירט 26 ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע און קינסטלערישע שבת־צו־נאַכטן; און 20 קולטור מאָנטיקן מיט איינלייטונגען און לעקציעס איבער יידיש־געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און ליטעראַרישע ענינים.

---

דער שרייבער קרייז „בוך און לעבן״ האָט דורכגעפירט א ש. ניגער אַקאַ־דעמיע. פרייטיק אָוונט דעם 2טן מערץ, אין יידישן קולטור קלוב, מיט אָפּשאַ־צונגען איבער שמואל ניגער און זיין השפעה אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור זיינען אויפגעטראָטן: דר. חיים ראַבלאַט; וו. נאַטאַנסאָן; מאַטעס דייטש און י. פרידלאַנד. מלכה טוזמאַן האָט דיכטעריש פאָרגעטראָגן אַן עלעגיע איבער די פון אונדז אוועקגעריסענע . . . געלייענט פון ש. ניגערס עסייען האָבן די חברים א. באַביטש און יעקב זינגער. נח גאָלדבערג, פאַרזיצער, האָט געעפנט דעם אָוונט מיט איינדרוקן פון זיין באַגעגעניש מיט ניגערן. די אקאַדעמיע האָט זיך דערהויבן צו אַ גאַר הויכער ליטעראַרישער ניוואָ.

„בוך און לעבן״ האָט אין משך פון דעם קורצן זמן אויך דורכגעפירט עט־לעכע אינטימע ליטעראַרישע אָוונטן, ביי וועלכע עס זיינען אויפגעטראָטן די וויטערדיקע פּראָזע שרייבער און דיכטער: נח גאָלדבערג, י. פרידלאַנד און יעקב זינגער מיט פּראָזע שאַפונגען; און ז. בונין, ברכה קודלי, מלכה טוזמאַן און מאַטעס דייטש מיט פּאָעזיע. די געלייענטע זאַכן רופן ס׳רוב אַרויס דיסקוסיעס און אויך קריטישע אָנווייזונגען.

## נייסטע יידישע ביכער פון לאָס אנגעלעסער שרייבער
## אין 1955

משה ווייסמאַן: „פון נעכטן און היינט", זכרונות און דערציילונגען. פאַרלאַג „פּראָוו אַליין", 156 זייטן.

---

כאַווער־פּאַווער: „זלמן דער שוסטער", קאַפּיטלען וועגן זלמן דעם שוסטערס זעכציק יאָר לעבן אין אמעריקע. 246 זייטן. ארויסגעגעבן פון כאַווער־פּאַווער בוך קאָמיטעט.

---

„קאַליפאָרניער שריפטן", אַרויסגעגעבן פון דעם שרייבער פאַראיין ביים „אי־קוף", צו דער געלעגנהייט פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע. בוך פאָרמאַט, 230 זייטן. רעדאַקטירט פון שרה פעל־יעלין, ש. סעקולער, אהרן ראַטבלאַט און חיים שוואַרץ.

---

„קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער" לכבוד ראש השנה. רעדאַקטאָר: י. ל. מאַלאַמוט, 24 זייטן.

---

„חשבון", זעקסטער נומער, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־ענינים. 80 זייטן טעקסט. ארויסגעגעבן פון דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב. רעדאַקטאָר: י. פרידלאַנד.

---

אין דרוק, און וועט בקרוב דערשיינען: אַ בוך געקליבענע לידער פון אסתר שומיאַטשער־הירשביין, ארויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט.

---

### דער דרייסיק יאָריקער יובילײ פון דעם
## לאָס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

### וועט געפייערט ווערן צו דער דערפענונג פון דעם נייעם זמן
### שבת אָוונט דעם 29טן סעפּטעמבער, 1956

צו דער פייערלעכער געלעגנהייט וועט דער 8טער נומער „חשבון" אַרויסקומען אַ פיל גרעסערער מיט ארטיקלען און אָפּהאַנדלונגען פון היגן יידישן לעבן, און גאָר באַזונדער מיט א רייכער ליטעראַרישער אָפּטיילונג.

---

**ווערט אבאָנענטן און בויער פון „חשבון" —**
**דער איינציק יידיש־ליטעראַרישער זשורנאַל אין קאַליפאָרניע.**